בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

## רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית פרשת

## חקת תשכ"ז (חלק ג)

**אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה**

• מימות משה רבינו עד בית שני הספיק פרה אחת, ובבית שני הוצרכו לכמה פרות • מדרש: מה ראה קרח לחלוק על משה פרשת פרה אדומה ראה • פסיקתא: קרח לא ידע כי חוק פרה אדומה כפרה גדולה היתה על ישראל • קושית הישמח משה: האיך אפשר שֶׁחָלַק קרח על משה רבינו והלא כבר הובטחו וְגַם בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם • תכלית כל הנסיונות הקשות כדי שיתפעל האדם מן הַהֶפְכִּי ויתעלה בעבודת ה' • אור החיים הקדוש: עיקר נצחון היצר הרע על ידי עסק התורה, הוא בתורה "לשמה" • פלוגתת קרח ומשה היה אם מותר ללמוד שלא לשמה • דיין שכתב פסק דין ונפל ספק בכוונתה, האם נאמן להכריע יותר משאר דיינים • אפילו מלאכי השרת צריכין לבחינת כפרה • רמב"ם: פרה העשירית יעשה מלך המשיח •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"א לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright


הקונטרסים שיצאו בשנים שעברו אין רשות להעתיקם ולהפיצם וּשְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל לֹא יַעֲשׂוּ עַוְלָה, וכבר נאמר וְאַל תַּשְׁכֵּן בְּאֹהָלֶיךָ עַוְלָה (איוב יא, יד).


צו מנדב זיין לרגל אַ **שמחה** אַ **יאָרצייט** רופט: 1-718-388-5519

**לשון קדשו - קונטרס קז** (חלק ג) | **(39** מינוט) **זייער קלאָר** ★★★★★


**לשון קדשו**
**צענטראלע נומער:**
**929-522-1515**
**פעקס: 718-650-2970**

ארץ ישראל: **072-3275205**
קאנאדא: **438-797-0770**
ענגלאנד: **0330-350-3110**

צו הערן די **רעקארדינג:**
דרוק **1**. - פאר קונטרס
**915**
פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→4→6273**


# ◆ זכות הקונטרס ◆

נתנדב לעי״נ רבינו אור העולם

מרן **חיים בן משה** (בן עטר)

בעל **אור החיים הקדוש** זי״ע

לרגל יומא דהילולא קדישא ט״ו תמוז תק״ג

זכות האור החיים הקדוש וזכות רביה״ק זי״ע אשר היה דבוק באור תורתו,
והזכירו כמעט מידי שבוע בשבוע, יגן על הנדבן ועל יוצאי חלציו שיתברכו
בשפע ברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות ובכל אשר יפנה יצליח

# ◆ וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן ◆

הרה״ח המפואר, חכם וסופר, תלמיד חכם מופלג
ומרביץ תורה, מכותבי החידו״ת של רביה״ק זי״ע
הרה״ג ר׳ **יצחק** ז״ל **שטערן** מח״ס זמרת יצחק
בן הגה״צ ר׳ **מנחם זאב** ז״ל אב״ד גבעת שאול
נפטר ד׳ תמוז תשד״מ לפ״ק

הרה״ח ירא ושלם, ידיו רב לו בתורה, שפך שיח לפני קונו
בדמעה, מדקדק בקלה כבחמורה, פזר נתן לאביונים, נצר
פיו ולשונו, נפשו קשורה ברביה״ק ובדרכו
הרה״ח רבי **אברהם יהודא** ז״ל **ברוין**
ב״ר **משה לוי** ז״ל
נפטר ח׳ תמוז תש״ע לפ״ק

הרה״ח המפואר, האדם היקר באנשים, אהוב על הבריות,
פזר נתן לאביונים, היה קשור בלב ונפש לרביה״ק זי״ע
רבי **דוד שלמה** ז״ל **ווייזער**
מעיר לאנדאן יצ״ו
ב״ר **גרשון הלוי** ז״ל
נפטר ו׳ תמוז תשס״ו לפ״ק


עס וועט זיין אי״ה צו באקומען **לשון קדשו** דורכאויס דעם זומער אין די ״מאונטענס״
סיי וועלכע קאנטרי ישיבה וכדומה וויל עס באקומען, אזוי אויך ווער עס וויליג ארויסהעלפן
צו פארשפרייטן אין זיין געגנט זאל ביטע אריינרופן **347-628-4499**

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת פָּרָה אֲדֻמָּה

### א

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה** [וְאֶל אַהֲרֹן] **לֵאמֹר. זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר, דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה אֲשֶׁר אֵין בָּהּ מוּם, אֲשֶׁר לֹא עָלָה עָלֶיהָ עֹל.**

### ב

**קושיא א - ב**

א] יש לדקדק על יתור לשון לֵאמֹר ב' פעמים, מלבד מה שנאמר להדיא דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.

ב] גם למה הקדים ואמר זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה וגו', קודם שאמר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וגו'

**א) קודם דאַרף מען פאַרשטיין** [פאַרוואָס ס'שטייט] **עפעס אַזויפיל מאָל "לֵאמֹר".**

[ואף דבפעם הראשון שנאמר] **וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה** [וְאֶל אַהֲרֹן] **"לֵאמֹר", קאָן מען זאָגן** [דהכוונה כמו בכל מקום, אַז] **ער זאָל 'ווייטער זאָגן'** [לבני ישראל. אבל הלא] **ס'שטייט דאָך אַרויס דערנאָך בפירוש "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", דאַרף ער דאָך נישט זאָגן "לֵאמֹר"** [אף בפסוק הראשון].

[אלא שמלבד זה] **זאָגט ער נאָכאַמאָל זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה'** [שטייט] **ווידער "לֵאמֹר".**

**ב) און 'דערנאָך' איז הערשט דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.** [אשר על זה קשה עוד, דהוה ליה להקדים ולומר "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", ואח"כ "זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר" וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ וגו'].

### ג

**קושיא ג**

קושיית האלשיך: שהתחיל וַיְדַבֵּר ה' "אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן", ומסיים בלשון יחיד "דַּבֵּר" אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל

**ג) דער אלשיך הקדוש פרעגט[א], איבעראַל וואו ס'שטייט וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה "וְאֶל אַהֲרֹן", שטייט דערנאָך "דַּבְּרוּ"** [לשון רבים][ב]**, ווייל ער האָט דאָך צו 'ביידע' גערעדט.** [און] **דאָ הייבט ער אָן וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה "וְאֶל אַהֲרֹן", און ער לאָזט אויס "דַּבֵּר"** [אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל]**, לשון יחיד.**

### ד

**קושיא ד**

קושית האור החיים הק': למה אמר זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה", דמשמע שכולל כל התורה. והלא מיירי בפרשה זו רק ממצוה אחת

**ד) זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה. פרעגט דער אור החיים הקדוש[ג], די גאַנצע פרשה שמועסט**

---

[א] **בתורת משה להאלשיך** (ריש פרשתן)**: או יאמר, בְּיִתּוּר מלת לֵאמֹר, ואומרו הַתּוֹרָה. ועוד, התייחד בזה הדבור אֶל אַהֲרֹן. ומה גם כי נשתנה דיבור זה מהזולת, כי הנה בהַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם כו'** (בא יב, א-ג) **מייחד הדיבור אל אהרן עמו, ואומר "דַּבְּרוּ" אל שני הַנִּדְבָּרִים. אך פֹּה אומר "אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן", ואחר כך אינו מְצַוֶּה לדבר רק אל משה לבדו, "דַּבֵּר" אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ כו'. ואם הצטרף גם אהרן הוא על שעתיד לומר וּנְתַתֶּם אֹתָהּ, שיחזור אל שניהם שֶׁיִּתְּנוּהָ, היה יכול לדבר עם משה, ולומר וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ וכו' וּנְתַתֶּם אֹתָהּ "אתה ואהרן" וכו', ולא לייחד הדבור על מה שהוא אינו מדבר.**

[ב] **בפרשת בא** (יב, א-ג)**: וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן וגו', "דַּבְּרוּ" אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר. - ובפרשת שמיני** (יא, א-ב) **וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר אֲלֵהֶם, "דַּבְּרוּ" אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ וגו'. - ובפרשת מצורע** (טו, א-ב) **וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר, "דַּבְּרוּ" אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַאֲמַרְתֶּם אֲלֵהֶם.**

[ג] **באור החיים הק'** (יט, ב)**: זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה. צריך לדעת למה כִּנָּה למצוה זו שם כללות הַתּוֹרָה, שהיה לו לומר זאת חקה וגו', או זאת חקת הטומאה, או חקת הטהרה, כדרך אומרו** (בא יב, מג) **זֹאת חֻקַּת הַפָּסַח. ואין לומר שנתכוון להצריך טהרת אפר פרה לעסוק בתורה, כי לא כן מצינו לרבותינו ז"ל שאמרו** (ברכות כב.) **שאדרבה אין דברי תורה מקבלין טומאה, ולכל סברות רבותינו ז"ל** (שם) **אפילו להמחמירים בבעלי קריין** [שלא לעסוק בתורה מטעם שצריך באימה וביראה וכו', **מודים 'בטמאי מת' שמותרים בעסק התורה.**

KolSatmar.com

**דאָך** [נאָר] **פון פָּרָה אֲדוּמָה, העט ער גיוועון געדאַרפט צו זאָגן זֹאת חֻקַּת "הַפָּרָה"** [וכדומה], **וואָס זאָגט ער עפּעס חֻקַּת "הַתּוֹרָה"**, [דמשמע שכולל בפרשה זו] **די גאַנצע תּוֹרָה.**

**ה**

**קושיא ה** - מתוך הדרוש

"זֹאת" חֻקַּת הַתּוֹרָה, מה בא למעט בתיבת "זֹאת"

ה) [גם יש להבין מה בא הכתוב למעט באומרו "זֹאת" חֻקַּת הַתּוֹרָה, דבכל מקום לשון "זֹאת" הוא למעוטי אחרת, כמו שדרשו בגמרא (מגילה יד:) בפסוק וְלֹא תִהְיֶה זֹאת לְךָ לְפוּקָה (שמואל א׳ כה, לא), "זֹאת" מכלל דאיכא אחריתי]. (התירוץ בדברי רבינו, באות רו)

**ו**

**קושיא ו**

מהו החידוש בפרה אדומה שנקראת "חֻק" יותר מבשאר חידושים וחקים שבתורה, ולמה דייקא בכאן הקפידה תורה להודיע שהיא חק

ו) **די גאַנצע זאַך איז שווער** [מה שפרה אדומה נקראת "חק"], **פרעגן זיי דאָך.** [שהרי] **באמת איז דאָ** [כמו כן] **אַסאַך מִצְוֹת וואָס זיי האָבן נישט קיין טַעַם,** [און וואָס] **די גמרא זאָגט ס׳איז אַ "חידוש"** [שחידשה תורה, וכגון] **שַׁעַטְנֵז**[ד], **בָּשָׂר בְּחָלָב**[ה], **ס׳איז דאָ חוקים אַסאַך.** [און] **כִּלְאַיִם**[ו].

**די גאַנצע דִּינֵי טוּמְאָה וְטַהֲרָה** [בכלל, אף בשאר טומאות], **זאָגט דאָך דער רמב"ם**[ז] **איז אַ זאַך וואָס מ׳פאַרשטייט נישט,** [ווייל] **טומאה איז נישט קיין לִכְלוּךְ** [וואָס] **מ׳זאָל עס אָפּוואַשן מיט וואַסער,** [וכן] **די גאַנצע טְבִילָה** [במקוה המטהר מטומאה, הוא חידוש וחק].

[און] **דער אֱמֶת זענען דאָך אַלע מִצְוֹת** [נאמר עליהם] (משלי ה, ו) **נָעוּ מַעְגְּלֹתֶיהָ לֹא תֵדָע.**

[ואם כן] **מַאי כָּל הָרַעַשׁ הַזֶּה מיט פָּרָה אֲדוּמָה,** [אַז] **די תורה הקדושה האָט זיך באַמיעט צו דערציילן ס׳איז אַ חָק.**

**ז**

**קושיא ז**

ברש"י: לפי שהשטן והאומות מונין את ישראל מה מצוה זו ומה טעם יש בה "לפיכך נאמר בה חקה", גזירה היא מלפני

**נאָר זאָגט** [דאָך] **רש"י** [בישוב קושיא ו], **לפי שהשטן ואומות העולם מונין את**

---

[ד] כמבואר בפסוק (קדושים יט, יט): **אֶת חֻקֹּתַי תִּשְׁמֹרוּ, בְּהֶמְתְּךָ לֹא תַרְבִּיעַ כִּלְאַיִם, שָׂדְךָ לֹא תִזְרַע כִּלְאָיִם, וּבֶגֶד כִּלְאַיִם שַׁעַטְנֵז לֹא יַעֲלֶה עָלֶיךָ.**- ופירש"י: **את חקתי תשמרו. ואלו הן, בהמתך לא תרביע כלאים וגו׳. חקים, אלו גזרות מלך שאין טעם לדבר.**

[ה] **בגמרא פסחים** (מד:) **ורבנן מִבָּשָׂר בְּחָלָב לא גמרינן, דחידוש הוא** [פירש"י חידוש הוא, כל איסורו תימה הוא, ודבר חידוש, שאינו מצוי בינינו בשאר איסורין]. **ומאי חידוש, אילימא דהאי לחודיה והאי לחודיה שרי, ובהדי הדדי אסור, כִּלְאַיִם נמי האי לחודיה והאי לחודיה שרי, ובהדדי אסור. אלא, דאי תרו ליה כולי יומא בחלבא שרי, בשיל ליה בשולי אסור. ורבי עקיבא נמי, בשר בחלב ודאי חידוש הוא וכו׳.**

[ועיין **בשמונה פרקים** להרמב"ם (הקדמת פירוש המשניות למסכת אבות, סוף פ"ו) שחושב בשר בחלב, לבישת שעטנז, ופרה אדומה ושעיר המשתלח, בין המצות שמעיות (מקובלות מסיני) שאין השכל מחייבן רק הם כחוק. וכן בהקדמת חובת הלבבות שחושב שם בכלל זה, איסור בשר בחלב, ולבישת שעטנז, וזריעת כלאים, והדומה להן].

[ו] עיין בהערה ד.

[ז] **ברמב"ם** (מקוואות יא, יב): **דבר ברור וגלוי ׳שהטומאות והטהרות׳ גזירות הכתוב הן, ואינן מִדְּבָרִים שדעתו של אדם מַכְרַעְתּוֹ, והרי הן מכלל "החוקים". וכן ׳הטבילה׳ מן הטומאות מכלל "החוקים" הוא, שאין הטומאה טיט או צואה שתעבור במים, אלא גזירת הכתוב היא, והדבר תלוי בכוונת הלב, ולפיכך אמרו חכמים** (חגיגה יח:) **טבל ולא הוחזק כאילו לא טבל. ואף על פי כן רֶמֶז יש בדבר, כשם שֶׁהַמְכַוֵּן לבו לְטַהֵר, כיון שֶׁטָּבַל טהור, ואף על פי שלא נתחדש בגופו דבר, כך המכוין לבו לטהר נפשו מטומאות הנפשות שהן מחשבות הָאָוֶן וְדֵעוֹת הָרָעוֹת, כיון שהסכים בלבו לפרוש מאותן העצות והביא נפשו בְּמֵי הַדַּעַת, טהור. הרי הוא אומר** (יחזקאל לו, כה) **וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים וּטְהַרְתֶּם מִכֹּל טֻמְאוֹתֵיכֶם וּמִכָּל גִּלּוּלֵיכֶם אֲטַהֵר אֶתְכֶם. ה׳ ברחמיו הרבים מכל חטא עון ואשמה יטהרנו, אמן.**

KolSatmar.com

**ישראל מה מצוה זו ומה טעם יש בה, לפיכך נאמר בה ״חֻקָּה״, גזירה היא** [מלפני] **ואין** [לך] **רשות להרהר אחריה.**

**ח**

וקשה למה אין משיבין להם טעם על שאלתם. ואם אין לזה טעם, למה יש קפידא להשיב להם כך, שאין לה טעם

**ז)** [אָבער] **פרעגן דאָך די מפרשים אַלע אויף דעם, אַז זיי** [השטן והאומות] **פרעגן אַ ״קשיא״, וואָס ענטפערט מען זיי ״חֻקָּה״.**

**ממה נפשך, ווילסטו פאַרענטפערן** [קושייתם]**? זאָגט מען זיי אַ טַעַם.**

**קען מען נישט זאָגן קיין טַעַם? ווייל ער האָט נישט קיין טַעַם. וואָס דאַרף ער אַרויסזאָגן** [שהיא חֻקָּה ואין לנו טַעַם, וכי במה נתיישב בזה קושייתם]**.**

**ט**

**אין נועם אלימלך איז דאָ עפּעס אַ חידוש**[ח]**, ער וויל זאָגן** [בישוב קושיא ו]**, ווייל מ׳געפינט דאָס נישט אין די** [חשבון רמ״ח] **איברים** [רוחניים] **פון די תרי״ג מצות** [שהרמ״ח עשין הם נגד רמ״ח איברים רוחניים, והשס״ה ל״ת הם נגד שס״ה גידים רוחניים (כדלהלן באות קנא)]**.**

[וזה חידוש גדול, שהרי] **ס׳איז דאָך איינס פון די** [תרי״ג] **מצות,** [ואם כן הוא בחשבון רמ״ח, וכמו שיבואר עוד להלן (באות קנ) לדרכינו]**.**

**ס׳איז אַ חידוש פֶּלֶא דער נועם אלימלך.**

**י**

**קושיא ח**

להבין כפל הלשון בשאלת האומות, א) מה מצוה זו ב) ומה טעם יש בה

**ח) שהשטן ואומות העולם** [מונין לומר] **מה מצוה זו, ומה טעם יש בה.** [ס׳איז עפּעס טאָפּלט [בלשון רש״י, וצ״ב הכוונה באריכות הלשון]**.**

**יא**

**קושיא ט**

למה אמר ״ויקחו״ עם ו׳ המוסיף על ענין ראשון, והלא כאן הוא תחילת הציווי

**ט)** [ובלשון הכתוב וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה וגו׳, יש להבין אומרו] **״וְיִקְחוּ״, ער הייבט אָן** [עם ו׳ המוסיף, והלא] **ס׳שטייט דאָך דאָ ׳פריער׳ גאָרנישט** [קיין אַנדערע ציווי]**, ס׳איז דאָך נישט מקושר** [לענין ראשון, ואם כן] **וואָס זאָגט ער עפּעס ״וְ״יִקְחוּ** [עם ו׳]**. דאַרף ער זאָגן דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל ״יִקְחוּ״,** [ולמה אמר] **וְיִקְחוּ,** [מיט א] **וא״ו מוסיף על ענין ראשון.**

---

[ח] **בנועם אלימלך: זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה כו׳. פירש רש״י לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה, לכך כתיב בה חוקה לומר גזירה היא מלפני אין לך רשות להרהר אחריה. ויש להקשות שלהלן כתב רש״י בשם רבי משה הדרשן טעם על מצוה זו, תבא פרה כו׳, אם כן קשה כיון שיש טעם למה כתיב בה חוקה. ונראה לתרץ כי באדם יש רמ״ח אברים ושס״ה גידים, כנגד רמ״ח מצות עשה ושס״ה לא תעשה, ובכל אבר או גיד תלוי מצוה אחת. גם ביעקב אבינו ע״ה וַתֵּקַע כַּף יֶרֶךְ יַעֲקֹב כו׳ עַל כֵּן לֹא יֹאכְלוּ** (וישלח לב, כו-לג) **מיד שהיה המעשה ההוא ביעקב, תיכף קבלו ישראל המצוה התלויה בגיד ההוא. והאומות מקטרגים תמיד על ישראל, לראות אם הם שלמים במצותיהם. ובמצוה זו של פרה אדומה אינם יודעים מה ענינה, כי הם מונין האברים והגידים של ישראל, ואינם מוצאין מצוה זו במנינם, לכך שואלים מה טעם יש בה. והתירוץ להם הוא כך, כי בגמרא אמרו** (ע״ז ד:) **לא היו ישראל ראוין לאותו מעשה אלא כדי להורות תשובה לרבים, ולזה הוקם להם מעשה פרה לכפר, להראות כי התשובה מועלת לרבים. נמצא כל עיקר הטעם פרה, הוא בשביל חטא העגל, והחטא גופא לא היה כי אם להורות תשובה, והוא בעצמה חוקה, לכך כתיב בה חוקה, אף על פי שיש בה טעם כדברי רבי משה הדרשן, והבן.**

KolSatmar.com

**יב**

קושיא י

ברש"י: וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ, שתהא נקראת על שמך, פרה שעשה משה במדבר. וצ"ב מאי שנא מצוה זו שנקראת על שם משה, יותר מכל המצות. והלא כל התורה נקראת על שם משה

**וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ,** [פירש רש"י] **שהיא נקראת על שמך, פרה שעשה משה במדבר.**

י) [דאַרף מען פאַרשטיין] **וואָס הייסט, וואָס איז אַ נפקא מינה עפּעס** [במצוה זו שתהא נקראת על שמו של משה, יותר מבשאר כל המצות, והלא] **די גאַנצע תורה הקדושה קומט דאָך דורך משה רבינו, ס'ווערט דאָך 'אָנגערופן'** (מלאכי ג, כב) **זִכְרוּ 'תּוֹרַת מֹשֶׁה' עַבְדִּי**[ט], [ומאי שנא כאן שנקראת] **פרה שעשה משה במדבר**[י].

**יג**

קושיא יא - מתוך הדרוש

יא) [והנה במשנה איתא דתשע פרות עָשׂוּ מימות משה עד סוף בית שני, הראשונה עשה משה, והשניה עשה עזרא. ולכאורה הוא פליאה להבין החשבון, כי מימות משה עד ימות עזרא היה לערך תשע מאות שנים, והספיק פרה אחת, ולמה בבית שני שעמד לערך ד' מאות שנים, הוצרכו לעוד ז' פרות מלבד פרת עזרא, ולהמאן דאמר במשנה שנפסלו ב' פרות, הוצרכו עכ"פ לעוד ה' פרות. והרמב"ם מוסיף דפרה העשירית יעשה מלך המשיח. וביותר יפלא, דהא בבית ראשון היה ריבוי אוכלוסין הרבה יותר מבבית שני, ועכ"ז הספיק להם אפר פרת משה, ובבית שני הוצרכו לכמה פרות]. (הקושיא בדברי רבינו, באות פב)

**יז**

קושיא יג - מתוך הדרוש

יג) [ועוד קשה לפי דברי ר"מ הדרשן, דהלא באמת גם פרה אדומה נמנה בכלל מנין תרי"ג מצות (וכדלעיל באות ט), וידוע מהמקובלים דהרמ"ח מצות עשה ושס"ה לא תעשה שבתורה, הם נגד רמ"ח איברים ושס"ה גידים רוחניים של הנשמה. ולדבריו דטעם פרה הוא רק לכפר על חטא העגל, א"כ יוקשה וכי אם לא היו חוטאין בעגל לא היו מצווים על מצות פרה אדומה, והלא כל רמ"ח מצות עשה הם הכרחיים שהם נגד הרמ"ח איברים של הנשמה, ואי אפשר שתחסר מצוה אחת מהתרי"ג מצות. ואין סברא כלל דשלימות התורה בתרי"ג מצות יהיה תלוי בחטא העגל, דע"י החטא נתוסף עוד מצוה, ובפרט שהוא דבר שהיה תלוי בבחירה]. (הקושיא בדברי רבינו, באות קנ-קנב)

**יח**

קושיא יד - מתוך הדרוש

יד) [גם צ"ב דלפי זה נמצא דשפיר יש טעם נגלה על פרה אדומה, ולמה נקראת "חק". ובמדרש אמרו עוד שאמר הקב"ה למשה, לך אני מגלה טעם פרה ולאחרים חקה, ולדברי ר"מ הדרשן הלא נגלה טעמה גם לאחרים, ולמה אמר ולאחרים חקה]. (הקושיא והתירוץ, באות ע ואות קנו)

**יט**

קושיא טו - מתוך הדרוש

טו) [ועוד יש לתמוה לפי זה, דהלא בשעה שקיבלו ישראל את התורה לא שלטה בהן מלאך המות, ורק לאחר העגל חזרה גזירת המיתה. וא"כ אם הפרה היא מכפרת על עון העגל, למה לא חזר הדבר

---

[ט] **בגמרא שבת** (פט:): **א"ל הקב"ה למשה, הואיל ומיעטת עצמך תקרא על שמך, שנאמר זִכְרוּ תּוֹרַת מֹשֶׁה עַבְדִּי.** **ובשמות רבה** (ל, ד): **שלשה דברים נתן משה נפשו עליהם ונקראו על שמו, ואלו הן ישראל והתורה והדינים וכו'. התורה, שנאמר זִכְרוּ תּוֹרַת מֹשֶׁה עַבְדִּי וכו'.** [וכן הוא שם (א, טז) ובמדבר רבה (יב, ט) ועוד].

[י] **וז"ל האור החיים הק' כאן: ומצאתי שאמרו במדרש** (תנחומא, סימן ח) **וזה לשונם, וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ, ללמד שכל הפרות שנעשו יהיו נקראים על משה. וצריך לדעת למה עשה ה' שינוי במצוה זו מכל המצות, שתקרא על שמו.**

KolSatmar.com

לקדמותו כמו שהיה קודם חטא העגל, שלא ישלוט בהם מלאך המות. ואדרבה הפרה עצמה באה לטהר מטומאת מת]. (הקושיא בדברי רבינו, באות עא)

**כ**

**קושיא טז - מתוך הדרוש**

טז) [גם הקשה הישמח משה בשם המפרשים על דברי ר"מ הדרשן, דהאיך שייך לומר כן דטעם פרה הוא לכפר על חטא העגל, והלא עוד במרה כבר נצטוו על הפרה, כמו שדרשו רז"ל (מכילתא בשלח) בפסוק שָׁם שָׂם לוֹ חֹק וּמִשְׁפָּט (בשלח טו, כה), חֹק זה פרה אדומה, ואז עדיין לא חטאו בעגל].

(הקושיא בדברי רבינו, באות קמח)

**כא**

**קושיא יז**

במדרש: מה ראה קרח לחלוק על משה, פרשת פרה אדומה ראה. וצריך ביאור הכוונה

**יז) דער מדרש זאָגט** (מובא בכמה ספרים)**, - ס'שטייט אין ישמח משה** (ריש פרשתן) **אויף דעם מדרש כמה אופנים, - מה ראה קרח לחלוק על משה, פרשת פָּרָה אֲדוּמָה ראה.**

**אַ פֶּלֶא.** [דאינו מובן מה שייכות יש למחלוקת קרח עם ענין פרשת פרה אדומה].

**כב**

**קושיא יח**

בפסיקתא איתא להיפוך מזה, כי לכן חלק קרח על משה, לפי 'שלא ידע' שחוק פרה אדומה כפרה גדולה היתה על ישראל

**יח) איך האָב שוין אַסאַך מאָל געזאָגט** [להקשות עוד, כי] **אין די פסיקתא**[א] **שטייט עפּעס אַנדערש, שטייט גאָר 'פאַרקערט'** [מדברי המדרש הנזכר. און דאָס איז] **אויך אַ פֶּלֶא.**

**דאָ אין מדרש** [המובא ביש"מ, שטייט אין] **פַּשְׁטוּת, ער האָט געזען די פרשה פון פָּרָה אֲדוּמָה,** [און] **'איבערדעם' האָט ער געקריגט. מילא ס'איז אַ פֶּלֶא** [דברי המדרש אלו]**, ווייסט מען דאָך שוין.**

[נאָר] **אין פסיקתא שטייט דאָך גאָר פאַרקערט. ער האָט חוֹלֵק געווען** [אויף] **די כהונה,** [ווייל] **מ'האָט אים אַרויסגעשטעלט** [מכלל הכהונה והמתנות]. **לאָזט ער אויס** [=שמסיים] **והוא לא ידע שֶׁפָּרָה אֲדוּמָה כַּפָּרָה גְדוֹלָה לישראל,** [דעס] **האָט ער נישט געוואוסט.** [שטייט דאָך] **גאָר פאַרקערט, 'איבערדעם' האָט ער געקריגט ווייל ער האָט 'נישט געוואוסט' וואָס פָּרָה אֲדוּמָה איז.**

**כג**

**סיום קושיא יז-יח**

וגם דברי הפסיקתא צריך ביאור. דלמה אם היה יודע שפרה אדומה היא כפרה גדולה לישראל, אז היה נסתם טענתו של קרח

**און ס'איז ביידע** [מדרשים] **אַ פֶּלֶא, וואָס איז א נפקא מינה** [ענין פרה לענין קרח, הן אם נימא] **ווייל ער האָט 'נישט געוואוסט' האָט ער געקריגט, צי ווייל ער האָט 'יאָ געוואוסט'** [ענין הפרה אדומה]. **אויף אַלעופאַלס איז דאָך עס אַ פֶּלֶא** [כל מדרש בפני עצמו, דבמה תלוי מחלוקת קרח בענין פרה אדומה].

---

[א] **בפסיקתא זוטרתא** (לקח טוב, בפרשתן, והובא בילקוט ראובני)**: ולמה נאמר אחר מחלוקת של קרח, לפי שֶׁהַקְּהָתִים הטהרו לשאת את ארון ברית ה', שנאמר** (נשא ז, ט) **בַּכָּתֵף יִשָּׂאוּ. אמר קרח, לא דיי שהוציאני מכלל הכהונה והמתנות, אלא שגילחו את ראשו ועשאו סבל. מיד נתקנא למשה לחרחר ריב. והוא לא ידע שחוק פרה אדומה כפרה גדולה היתה על ישראל. הם חטאו בעגל, תבוא פרה אדומה, תהיה להם למי נדה חטאת היא, תבוא פָּרָה "אֲדֻמָּה" ותכפר על הזהב שהוא אדום. תְּמִימָה, תבוא תמימה ותכפר על אומה שהיא תמימה. אֲשֶׁר אֵין בָּהּ מוּם, תבוא אשר אין בה מום ותכפר על אומה אשר אין בה מום. אֲשֶׁר לֹא עָלָה עָלֶיהָ עוֹל, ותכפר על שפרקו עול.**

KolSatmar.com

כד
קושיא יט
ועכ"פ צריך ליישב דברי המדרש עם דברי הפסיקתא, שלא יהיו סותרין זה את זה

יט) אָבער ס'זעט עפּעס אויס ווי דאָס אַליין איז א 'סְתִּירָה' [בין המדרש להפסיקתא, וצריך גם ליישב דברי הב' מדרשים באופן שלא יהיו סותרים זה לזה].

כה
קושיא כ - מתוך הדרוש

כ) [ובישמח משה פרשת קרח הקשה על ענין מחלוקתו של קרח, דהלא כבר הובטחו ישראל וְגַם בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם, שכל העומדים במעמד הנבחר יאמינו לעולם בנבואת משה רבינו, וא"כ בודאי גם קרח האמין בנבואתו של משה, והאיך היה אפשר לו לחלוק עליו בענין הכהונה]. (הקושיא בדברי רבינו באות נג)

כו
קושיא כא
בהפסוק זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל, דרשו בגמרא, אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה

ער הייבט אָן (בפסוק ב) 'זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה', [און] ווייטער (בפסוק יד) שטייט נאָכאַמאָל 'זֹאת הַתּוֹרָה' אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל.

זאָגט די גמרא אין ברכות דף ס"ג (ע"ב) און אין שבת (פג:), [ס'איז] אויף עטליכע פלעצער (דהוא גם בגיטין נז:), אמר ריש לקיש, מנין שאין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, שנאמר זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל.

כז
וצריך ביאור שייכות דרשה זו לענין פרשת פרה אדומה דייקא

כא) לכאורה [צריך ביאור] וואו קומט דאָס אַריין [דרשה זו] אין די פרשה פון די פָּרָה אֲדוּמָּה.

[ועצם הדבר מה שבאו לדרוש כן, הוא מובן, ווייל] ער וויל מיר דערציילן [לתרץ יתור לשון הכתוב, ווי] זיי זאָגן דאָך (מהרש"א שבת שם), ווייל איך דַרְשֶׁ'ן, ווייל ס'איז איבעריג דער "זֹאת הַתּוֹרָה", טאַקע, [שהרי] ס'שטייט דאָך [שוין] איין מאָל, ער הייבט דאָך אָן זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה, און דערנאָך ביי "נגיעה" [בפסוק הַנֹּגֵעַ בְּמֵת לְכָל נֶפֶשׁ אָדָם] שטייט נישט [לשון זה, כי סמך על מה שהקדים זאת חקת התורה, נאָר] ביי [טומאת] "אוהל", הייבט ער אָן נאָכאַמאָל, זאָגט ער זֹאת הַתּוֹרָה. איבערדעם דַרְשֶׁ'נען זיי [כך], דאָס איז דער 'דְּרַשׁ', אֵין התורה מתקיימת [אלא במי שממית עצמו עליה].

נאָר די שאלה איז וואו קומט דאָס אַהער, דאָ איז דאָך הֲלָכוֹת, די גאַנצע [פרשת] פָּרָה אֲדוּמָּה איז דאָך הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת פָּרָה אֲדוּמָּה, וואו קומט אַריין דאָ דער 'לימוד' [אַז] אֵין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה.

כח
קושיא כב - מתוך הדרוש

כב) [גם ראוי להבין עצם המאמר שאמרו אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה. דהאיך שייך להיות ממית עצמו עליה, והלא אדרבה וָחַי בָּהֶם (ויקרא יח, ה) כתיב, ולא שימות בהם].

(הקושיא והתירוץ בדברי רבינו, באות סו-סז)

כט
הקדמה לקושיא כג-כד
במדרש: שאלו מלאכי השרת למה מת משה, אמר להם מִקְרֶה אֶחָד לַצַּדִּיק וְלָרָשָׁע

ס'איז דאָ אַ מדרש ברענגט דער בעל עקידה (בפרשתן, ריש שער פ), און דער זיידע

KolSatmar.com

**זכרונו לברכה אין ישמח משה**[יב] **ברענגט אויך דעם מדרש** [וזה תוארו ביש"מ]**: זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה, שאלו מלאכי השרת אם כן למה מת משה, האָט ער** [זיי] **געענטפערט מִקְרֶה אֶחָד לַצַּדִּיק וְלָרָשָׁע**[יג]**.**

## ל

עוד במדרש כעין זה: אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, למה מת אדם הראשון, אמר להם שלא עשה פִּקּוּדַי, אמרו והרי משה עשה פקודיך, אמר להם גזירה היא מִלְּפָנַי שוה בכל אדם, שנאמר זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת

**אין ספרי** [שטייט]**, דער ילקוט ראובני ברענגט אַ ספרי כעין זה**[יד]**, אויף אַן אַנדער לשון. שאלו מלאכי השרת למה קָנַסְתָּ מיתה על אדם הראשון,** [אמר להם] **בשביל שעבר על פִּקּוּדַי. האָבן זיי צוריק געפרעגט והלא־דאָך משה, משה ואהרן, משה ששמר את פקודיך למה מת. האָט זיי דער בורא כל עולמים גיענטפערט גְּזֵירָה היא מִלְּפָנַי, שנאמר זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל.**

**זאָגט ער דאָס איז אַ גְזֵירָה.**

**אַביסל אַן אַנדער לשון איז עס, נישט** [אַז] **מִקְרֶה אֶחָד, נאָר סְתָּם** [אַז] **ס'איז אַ גְזֵירָה.**

## לא

### קושיא כג

וצ"ב מה שייך לענין גזירת המיתה בכל אדם, אל פרשת פרה אדומה דייקא

**כג) נאָר לכאורה** [ראוי עוד לבאר] **וואו קומט אַהער די גְזֵירָה** [של מיתה, אל פרשת פרה אדומה, שרמז לה הכתוב כאן בפסוק זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל].

## לב

### קושיא כד - מתוך הדרוש

להבין הכוונה בעצם שאלת המלאכים, ובתשובת הקב"ה אליהם

כד) [וגם צריך ביאור עצם מאמרי המדרש, להבין מה היה שאלתם של מלאכי השרת על משה רבינו דייקא, ומה היתה התשובה להם]. (התירוץ בדברי רבינו, באות עו)

---

[יב] **בישמח משה בפרשתן** (ד"ה)**: במדרש, זאת חקת התורה וגו', שאלו מלאכי השרת להקב"ה אם כן למה מת משה, והשיב ית' מִקְרֶה אֶחָד וגו'.** [אולם בבעל העקידה איתא כנוסח השני שמביא רבינו בשם הילקוט ראובני, וכן הישמח משה עצמו בפרשת בראשית מביא כנוסח השני, וכנוסח הגמרא דשבת (נה:) דלהלן].

[יג] לשון הפסוק בקהלת (ט, ב)**: הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל מִקְרֶה אֶחָד לַצַּדִּיק וְלָרָשָׁע, לַטּוֹב וְלַטָּהוֹר וְלַטָּמֵא, וְלַזֹּבֵחַ וְלַאֲשֶׁר אֵינֶנּוּ זֹבֵחַ, כַּטּוֹב כַּחֹטֶא, הַנִּשְׁבָּע כַּאֲשֶׁר שְׁבוּעָה יָרֵא.**

[יד] **בילקוט ראובני בפרשתן** (אות מ)**: זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת. אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, למה מת אדם הראשון, אמר להם מפני שלא עשה פִּקּוּדָי. והרי 'משה' עשה פקודיך, אמר להם גזירה היא מלפני 'שזה' כל אדם, שנאמר זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל. ספרי:**

ומקורו בספרי פרשת האזינו (פסקא לד)**: וּמֻת בָּהָר אֲשֶׁר אַתָּה עֹלֶה שָׁמָּה. אמר לפניו רבש"ע למה אני מת, לא טוב שיאמרו טוב משה 'ממראה' מטוב משה 'משמועה', לא טוב שיאמרו 'זה משה' שהוציאנו ממצרים וקרע לנו את הים והוריד לנו את התורה והגיז לנו את השליו ועשה לנו נסים וגבורות משיאמרו כך וכך 'עשה' כך וכך 'אמר', אמר לו כלך משה, גזירה היא מלפני 'שוה' בכל אדם, שנאמר זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל.** וכו' אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, רבש"ע למה מת אדם הראשון, אמר להם שלא עשה פִּקּוּדָי, והרי 'משה' עשה פקודיך, אמר להם גזירה היא מלפני 'שוה' בכל אדם, שנאמר זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת:

וכן מובא ברייתא זו בגמרא שבת (נה:) בזה הנוסח: אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, רבונו של עולם מפני מה 'קנסת מיתה' על אדם הראשון, אמר להם מצוה קלה צויתיו ועבר עליה, אמרו לו והלא 'משה ואהרן' שקיימו כל התורה כולה ומתו, אמר להם 'מִקְרֶה אֶחָד לַצַּדִּיק וְלָרָשָׁע לַטּוֹב וגו'.

[ועיקר לשון רבינו הוא מנוסח הספרי שם, אבל קצת לשונות הם מנוסח הגמרא, וכגון הלשון 'למה קנסת מיתה', וכן מה שהזכיר 'משה ואהרן', אבל שם לא מובא זה על דרשת הפסוק **זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל**, ולכן מזכירו רבינו בשם הילקוט ראובני והספרי דשם הוא נדרש על פסוק זה. וכן דשם בגמרא הוא כנוסח הראשון דמסיים בפסוק מִקְרֶה אֶחָד וגו', ובספרי הוא כנוסח השני דמסיים דגזירה היא מלפני].

KolSatmar.com

**נב**

# ישוב הקושיות בפרשת פָּרָה אֲדוּמָּה

**נאָר לאָמיר זען, צוקומען צום ענין.**

**נג**

**[קושיא כ]**

קושית הישמח משה: האיך אפשר שחלק קרח על משה רבינו, והלא כבר הובטחו וְגַם בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם, שכל העומדים במעמד הנבחר יאמינו לעולם בה׳ ובנבואת משה

[ונקדים להקשות עוד, וואָס] **דער זיידע זכרונו לברכה אין ישמח משה פרשת קרח, שטעלט ער אַראָפּ אַ קשיא**[טו]**, וויאַזוי ס׳איז מעגליך געווען** [אַז] **קרח קריגט אויף משה רבינו׳ן.**

[והלא] **דער רמב"ם זאָגט דאָך דאָרט**[טז] [אַז] **מ׳האָט זיך איבערגעצייגט יעדער** [בשעת מתן תורה] **אַז די נְבוּאָה פון משה רבינו׳ן איז אֱמֶת,** [ווען] **אידן האָבן אַליין געהערט ביים מַעֲמַד הַנִבְחָר** [ווי] **דער בורא כל עולמים האָט גערעדט מיט אים.**

**נו איז דען אַ מציאות געווען חוֹלֵק צו זיין אויף די נְבוּאָה פון משה רבינו? עפּעס מוז דאָך זיין דערינען** [איזה מקום וסברא במה נתלה טעותו לחלוק על משה].

**- איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט** [לבאר זאת לדרכינו]. -

**נד**

**תירוץ הישמח משה - על קושיא כ**

פלוגתתם היה בדין כתר כהונה, דקרח סבר דכתר כהונה הוא ככתר תורה שאינו תלוי בירושה

**ער פירט אויס דאָרטן**[יז] [בישמח משה], **אַז די פְּלוּגְתָּא איז געווען צי כתר כהונה איז בירושה,** [און צי] **כתר תורה איז בירושה, און ער** [קרח] **האָט געמיינט אַז דאָס** [כתר כהונה] **איז אויך אַזוי** [ככתר תורה שאינה בירושה]. **אַזוי פירט ער עפּעס אויס.**

---

[טו] **בישמח משה** (פרשת קרח) בקושייתו: **ברש"י** (קרח טז א, ד"ה ודתן) הלבישן טליתות שכולן תכלת וכו׳, עיין שם. והוא תמוה אם לא האמינו לתורת משה, מה ענין זה להכהונה. ועוד, הלא כבר כתיב (בשלח יד, לא) וַיַּאֲמִינוּ בַּה׳ וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ, ובפרט שבשעת מתן תורה הבטיח השי"ת ואמר (יתרו יט, ט) **וְגַם בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם, ואיך ישוב ריקם אחר זמן מועט, מאותו הדור השומעים בְּדַבְּרוֹ יתי׳ עמו, דעלייהו קאי וְגַם בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם,** והבן. וגם לפרש הפסוק (במדבר טז, ג) רַב לָכֶם, דמה זו טענה הלא גבוה מעל גבוה וגבוהים עליהם, ותשובת משה (במדבר טז ט) המעט מכם גם כן תמוה, כי הם לא אמרו שיתן להם הכהונה, רק אדרבה שגם לעצמם לא יטלו, כי כל ישראל שווין, ואם כן מה זה תשובה.

[טז] **ברמב"ם** (יסודי התורה ח, א-ב): משה רבינו לא האמינו בו ישראל מפני האותות שעשה, שהמאמין על פי האותות יש בלבו דופי, שאפשר שיעשה האות בלט וכשוף, אלא כל האותות שעשה משה במדבר לפי הצורך עשאם, לא להביא ראיה על הנבואה. היה צריך להשקיע את המצריים, קרע את הים והצלילן בתוכו. צרכנו למזון, הוריד לנו את המן. צמאו, בקע להן את האבן, כפרו בו עדת קרח, בלעה אותן הארץ. וכן שאר כל האותות.

ובמה האמינו בו, במעמד הר סיני. שעינינו ראו ולא זר ואזנינו שמעו ולא אחר, האש והקולות והלפידים, והוא נגש אל הערפל והקול מדבר אליו, ואנו שומעים משה משה לך אמור להן כך וכך. וכן הוא אומר (ואתחנן ה, ד) פָּנִים בְּפָנִים דִּבֶּר ה׳ עִמָּכֶם, ונאמר לא את אבותינו כרת ה׳ את הברית הזאת. ומנין שמעמד הר סיני לבדו היא הראיה לנבואתו שהיא אמת שאין בו דופי, שנאמר (יתרו יט, ט) הִנֵּה אָנֹכִי בָּא אֵלֶיךָ בְּעַב הֶעָנָן בַּעֲבוּר יִשְׁמַע הָעָם בְּדַבְּרִי עִמָּךְ וְגַם בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם וכו׳.

נמצאו אלו שלוח להן, הם העדים על נבואתו שהיא אמת, ואינו צריך לעשות להן אות אחר, שהם והוא עדים בדבר, כשני עדים שראו דבר אחד ביחד שכל אחד מהן עד לחבירו שהוא אומר אמת, ואין אחד מהן צריך להביא ראיה לחבירו. כך משה רבינו **כל ישראל עדים לו אחר מעמד הר סיני, ואינו צריך לעשות להם אות.**

[יז] **בישמח משה** (פרשת קרח) בתירוצו: והנראה לי בזה דקרח עירער על הכהונה באומרו דמשה מֶלֶךְ ואהרן כֹּהֵן מטעם שהם בני עמרם הבכור, כמבואר במדרש תנחומא (במדבר סימן יז) כי לוי נבדל להקדישו מעת הולדו,

### נה
### מה שעדיין קשה לתירוץ הישמח משה

סוף סוף עדיין יוקשה בהא גופא האיך היה אפשר לו לחלוק על נבואת משה בזה

[אָבער] אַלץ איז נאָכנישט אינגאַנצן פאַרענטפערט. [נו] הכלל, האָט ער געמיינט [שגם כתר כהונה אינה בירושה], **אָבער סוף כל סוף, אָבער אַז משה רבינו** [האָט געזאָגט שהיא בירושה, האיך היה יכול לחלוק נגד נבואתו של משה].

**ממה נפשך, אַז ער האָט געגלייבט אין נְבוּאַת משה רבינו, האָט ער געמוזט גלייבן, נו מילא האָט ער דאָך דאָס אויך געמוזט פאַרשטיין,** [כי] **אַז ער** [משה רבינו] **האָט גע'פַּסְקְ'נט אַזוי, אַז כתר כהונה איז נישט ווי** [כתר תורה], **נאָר ער איז יאָ בירושה, און ס'קער נישט פאַר אַן אַנדערן.**

### נו
### הקדמה לישוב קושיא כ
(עד אחר אות צט)

**נאָר מ'קאָן דאָס אפשר מסביר זיין דאָס ענין,** [מיט וואָס] **ס'שטייט דאָרט ווייטער, מיט אַן אַנדערע שטיקל ישמח משה, טאַקע דאָרט אין פרשת קרח.** (כדלהלן באות צו-צט).

[ויבואר דהוא כעין תירוצו של היש"מ כאן, דמחלוקת קרח היה לומר שכתר כהונה אינו תלוי בירושה]. – **לאָמיר זען.**

---

כמבואר במדרש דברים רבה (הובא ברש"י פרשת ויצא (כט, לד) על הפסוק עַל כֵּן קָרָא שְׁמוֹ לֵוִי) עיין שם, ועיין שם בתרגום יונתן.

וידוע דקהת ירש כל המדריגות, דשמא גרם, לשון אסיפה, כמו שפירש רש"י בפרשת ויחי (מט, י) על הפסוק וְלוֹ יִקְּהַת עַמִּים עיי"ש, ורצ"ל שנאספו בו כל המדריגות. והנה עמרם בא עליו בתורת ירושה, כי הבכור יורש הגדולה כמבואר בגמרא (יבמות קג:) וכו'. והנה מבואר בתשובת הרשב"א סימן ז', והובא באו"ח בהגהת רמ"א סוף סימן נ"ג (סעיף כה) דהבן קודם בכל המינויים, דהיינו המינויים הולכים בתורת ירושה, ועיין במגן אברהם בשם הרשד"ם ובשם עשרה מאמרות מאמר חקור דין חלק ב' פרק י"ט, דבכתר תורה אינו כן מדין תורה, רק מהלל ואילך נהגו כך, עיין שם. **והנה קרח טען כי כתר כהונה שהיא עבודה לשמים, ראוי להיות כמו כתר תורה. אבל האמת אינו כן כי כתר כהונה הוא בירושה,** כמו שמבואר בתשובת הרשב"א שם אף לכהן גדול, שנאמר (צו ו, טו) וְהַכֹּהֵן הַמָּשִׁיחַ תַּחְתָּיו מִבָּנָיו, וכמו שמבואר בעשרה מאמרות בשם הספרי והתורת כהנים, עיין שם. ואמר לפי גבהות רוחו שאם אינו בירושה, הוא ראוי יותר מאהרן מצד עצמו, כי היה חכם מאד וצדיק בעיניו, ועינו הטעתו כאמרם ז"ל (במדבר רבה יח, ח). והנה אם כתר תורה היא בירושה כמאמר הפסוק (ברכה לג, ד) לָנוּ מוֹרָשָׁה, ודאי דלא היה מקום לטענת קרח.

[ואח"כ האריך שם היש"מ בפלפול עצום בהפסוק תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה, וממשיך וז"ל]: **היוצא מזה דהפסוק** הנ"ל דמורשה קהלת יעקב, יתפרש לאחד משני פנים, או לאסור הלימוד לנכרי, או לומר דמינוי כתר תורה בירושה. נמצא לפי זה זה תולה בזה, אם אמרינן דנכרי שרי לעסוק בה, אם כן על כרחך מינוי כתר תורה בירושה, ואם אסור לעסוק בה, אם כן אין מינוי כתר תורה בירושה וכו'.

והנה ידוע מהריטב"א פרק קמא דעירובין (יג:), דכל דבר שהיא פלוגתא, לא נמסר בהחלט ובירור דעת אחת, מה שאין כן מה שאין בו פלוגתא וכו'. [וכאן האריך בפלפול בענין ציצית שעשאן נכרי אם הוא כשר, ואח"כ כתב וז"ל]: ובזה מבואר דהלבישן טליתות שכולן תכלת ושאל זו חייבת או פטורה, וידע שישיב משה חייב וכו' [עיי"ש עוד], אם כן הוכיח מהא דטלית שכולה תכלת, **הך דמינוי כתר תורה אינו בירושה,** ובנה על היסוד הזה בנין שוא ותפל, **דכתר כהונה שהיא עבודה לשמים הוי ככתר תורה.** וזה אומרו (קרח טז, ג) רַב לָכֶם, **דכתר כהונה הוי ככתר תורה ואינו בירושה,** ושמא תאמר דמינוי כתר תורה עצמה הוי בירושה דהא כתיב לנו מורשה, לזה אמר לא כן, רק דפרושא דלנו מורשה הוא כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים וּבְתוֹכָם ה', ר"ל על הכלל קהילת יעקב מדבר למעט הנכרי, אבל לא בקהלת יעקב עצמו לענין המינוי, **ואם כן כיון דאינו בירושה, צריך לראות רק מי שראוי מצד עצמו,** אם כן מַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ וכו', דאני ראוי יותר מצד עצמי. ואם כן השיב משה שפיר (שם, י) וּבִקַּשְׁתֶּם גַּם כְּהֻנָּה. וכך המשך הפסוק, רַב לָכֶם, ושמא תאמרו בירושה דהא כתיב לנו מורשה אף בתורה, זה אינו רק כִּי כָל הָעֵדָה וגו', ר"ל על הכלל כולו נאמר כמו שכתבתי, ואם כן מַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ, ואם כן דעתו הוא דכיון דאין כאן תורת ירושה, מצד עצמו הוא ראוי לאותו איצטלא. והשיב משה שפיר הַמְעַט מִכֶּם כנ"ל, והבן כי נכון הוא בס"ד.

KolSatmar.com

### נז
### הקדמה לישוב קושיא כא-כג
**בביאור הגמרא ברכות: יעסוק בתורה, ואם לאו יזכיר יום המיתה**
(עד אחר אות סח)

כ׳האָב געזאָגט [לבאר] דעס וואָס מ׳האָט דאָ אַראָפּגעשטעלט אין די פרשה פון **פָּרָה אֲדוּמָּה** [דעם פסוק] **זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל**, **צי לויט דעם פְּשַׁט** [שבגמרא] **אַז אֵין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה** (קושיא כא), **צי לויט דעם ספרי** [אַז] פון דאָרט איז געדרינגען אַז ס׳איז **גְזֵירַת** [מיתה על כולם] (קושיא כג).

### נח
[נאָר] **איך האָב געזאָגט דאָס פאָריגע מאָל, אין פרשת החודש**[יח], **אויף די גמרא אין ברכות** (ה.), **לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע**[יט], [אם] **נִצְּחוֹ מוטב, ואם לאו יעסוק בתורה**, [אם נצחו מוטב] **ואם לאו יקרא קריאת שמע**, [אם נצחו מוטב] **ואם לאו יזכיר לו יום המיתה.**

### נט
### קושיא א בגמרא דברכות
אם הזכרת יום המיתה מועיל אף כשאין מועיל תורה וקר"ש, למה לא יתחיל מיד בהזכרת יום המיתה

**א] פרעגט מען די קשיא, אַז דער** [הזכרת] **יום המיתה איז דאָס קראַנטסטע מיטל,** [והראיה] **וועו גאָרנישט נוצט נישט, נוצט דאָס** [יאָ], **נו האָט ער געזאָלט ׳אָנהייבן׳ ביי דעם תיכף.**

### ס
### קושיא ב בגמרא דברכות
האיך שייך שלא נצחו בעסק התורה, והלא מבואר בגמרא אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש, ואם אבן הוא נימוח. ומשמע דעסק התורה הוא העצה היעוצה נגד היצר הרע בכל גוונא

**ב] דערנאָך** [איז שווער], **אין די גמרא זעט מען דאָך בפירוש**[כ], **אם פגע בך מנוול זה משכהו ״לבית המדרש״, אם אבן הוא נימוח.** [ונמצא דהעצה לנצח היצר הרע, איז] **׳נאָר׳ מיט די תורה הקדושה.** [ואם כן אם יעסוק בתורה האיך שייך אח"כ שלא נצחו, ושהזכרת יום המיתה יועיל במקום שעסק התורה לא הועילה].

### סא
### הקדמה לישוב הקושיות בגמרא דברכות
במדרש רבה בראשית: גזירת מיתה הוא בשביל הרשעים שיחטאו, אמר לו א"כ יגזור מיתה על הרשעים ולא על הצדיקים, א"ל כדי שלא יהו הרשעים עושים תשובה של רמיות, ויעשו מצות ומעשים טובים ״שלא לשמה״

**האָב איך געזאָגט דעם פְּשַׁט.**

---

[יח] בס"ג תזריע החודש תשכ"ז, עיי"ש באורך כל ענין דלהלן.

[יט] פירש רש"י: ירגיז יצר טוב, שיעשה מלחמה עם יצר הרע.

[כ] **בגמרא קידושין** (ל:) **וסוכה** (נב.): תנו רבנן, ״**וְשַׂמְתֶּם**״ [אֶת דְּבָרַי אֵלֶּה עַל לְבַבְכֶם] (עקב יא, יח), **סַם תָּם, נמשלה** תורה כסם חיים. משל לאדם שהכה את בנו מכה גדולה, והניח לו רְטִיָּה על מכתו ואמר לו, בְּנִי, כל זמן שֶׁהָרְטִיָּה זו על מכתך, אכול מה שהנאתך ושתה מה שהנאתך ורחוץ בין בחמין בין בצונן, ואין אתה מתיירא. ואם אתה מעבירה, הרי היא מעלה נוּמִי [=פצעים]. כך הקב"ה אמר להם לישראל, **בָּנַי, בראתי יצר הרע ובראתי לו תורה תבלין, ואם אתם עוסקים בתורה אין אתם נמסרים בידו**, שנאמר (בראשית ד, ז) הֲלוֹא אִם תֵּיטִיב שְׂאֵת, ואם אין אתם עוסקין בתורה אתם נמסרים בידו, שנאמר (שם) לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ, ולא עוד אלא שכל משאו ומתנו בך, שנאמר (שם) וְאֵלֶיךָ תְּשׁוּקָתוֹ, ואם אתה רוצה אתה מושל בו, שנאמר (שם) וְאַתָּה תִּמְשָׁל בּוֹ וכו׳.

תנא דבי ר׳ ישמעאל, בְּנִי, **אם פגע בך מנוול זה, משכהו לבית המדרש, אם אבן הוא נימוח ואם ברזל הוא** מתפוצץ שנאמר (ירמי׳ כג, כט) הֲלוֹא כֹה דְבָרִי כָּאֵשׁ נְאֻם ה׳ וּכְפַטִּישׁ יְפֹצֵץ סָלַע, אם אבן הוא נימוח שנאמר (ישעי׳ נה, א) הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם, ואומר (איוב יד, יט) אֲבָנִים שָׁחֲקוּ מַיִם.

KolSatmar.com

[דהנה] ס'שטייט אין **מדרש** [רבה] **פרשת בראשית**[כא], לעולם העט מען נישט גיוועץ גע'קַנְסֶ'ט קיין מיתה [על אדם הראשון, נאָר] פאַרוואָס דען האָט מען געגעבן די מיתה, ווייל דער בורא כל עולמים האָט געזען ס'וועט אַרויסקומען רשעים, גרויסע רשעים, און מ'וועט ליידן.

פרעגט ער די קשיא [בהמדרש], נו לאָז מען זאָגן [אַז] די רשעים זאָלן זיין ימותו, און צדיקים זאָלן בלייבן [לעבן].

[ומתרץ המדרש] אם כן וועט עס זיין **שלא לשמה**, אם כן וועט זיין וועט מען דאָך טון שלא לשמה, ווייל אַז מ'וועט זען בפירוש אַז ווען מ'טוט [מִצְוֹת], **אַז ווען מ'איז מקיים תורה ומצות לעבט מען**, און אַז נישט [איז] 'דאָס'[כב], **איז דאָך עס אַן אָפענע זאַך, וועט עס זיין שלא לשמה.**

**אַזוי שטייט אין מדרש רבה אין פרשת בראשית.**

### סב
### קושיא א - על המדרש רבה בראשית

מהו החשש אם יעשו מצות שלא לשמה, והלא אמרו חכז"ל דלעולם יעסוק אדם בתורה ומצות אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה

**פלאָגט מען זיך די קשיא, נו וואָס איז,** [מהו החשש שמא יעשו שלא לשמה, והלא אמרו בגמרא] (פסחים נ: ועוד) **לעולם ילמוד אדם תורה** [ויעסוק במצות אפילו] **שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה.**

**ווילן זיי פאַרענטפערן, ווייל ס'איז אַ 'שטאַרקער' שלא לשמה.**

**דער יפה תואר און נזר הקודש פלאָגן זיך** [דערויף][כג].

### סג
### ישוב קושיא ב בגמרא דברכות

מבואר באור החיים הק', דהא דעסק התורה מועיל לנצח היצר הרע, הוא בעיקר רק בתורה "לשמה". ואף שמותר ללמוד אפילו שלא לשמה, אבל סגולת נצחון היצר הרע הוא דוקא בתורה "לשמה". ולכן שפיר שייך שלא נצחו בתורה, דהוא כשלומד "שלא לשמה"

**האָב איך געזאָגט** [אַז] **דער פְּשַט קען זיין** [אַזוי].

---

[כא] **בבראשית רבה** (ט, ה): רבי חמא בר חנינא ורבי יונתן, רבי חמא בר חנינא אמר ראוי היה אדם הראשון שלא לטעום טעם מיתה, ולמה נקנסה בו מיתה, אלא צפה הקב"ה שנבוכדנצר וחירם מלך צור עתידין לעשות עצמן אלהות, ולפיכך נקנסה בו מיתה וכו', אמר לו רבי יונתן אם כן יגזור מיתה על הרשעים ואל יגזור מיתה על הצדיקים. אלא שלא יהו הרשעים עושים תשובה של רמיות, ושלא יהו הרשעים אומרים כלום הצדיקים חיים אלא שהן מסגלין מצות ומעשים טובים, אף אנו נסגל מצות ומעשים טובים, נמצאת עשיה שלא לשמה.

[כב] רבינו נמנע בזהירות לשונו מלסיים הענין.

[כג] עיין שם באורך ביפה תואר ונזר הקודש על הבראשית רבה (ט, ו).

וז"ל רבינו בזה בס"ג תזריע החודש תשכ"ז (הנזכר): ער איז מאריך דערין דער יפה תואר, מיטן נזר הקודש,ביידע, וואָס הייסט [ונמצא עשייתם] שלא לשמה, נו וואָס איז, [והלא אמרו] מתוך שלא לשמה בא לשמה, מ'מעג דאָך שלא לשמה אויכעט, מאי כל הרעש הזה. זיי זענען מאריך דערין, און תמצית דבריהם זעט אויס [אַזוי], דעס וואָס מ'מעג שלא לשמה איז נאָר ווייל מתוך שלא לשמה בא לשמה, דאָס איז רעכט 'דער' שלא לשמה וואָס ס'איז נישט אַזוי פאַר די אויגן, ס'איז נישט אַזוי ניכר, ס'איז נישט אַזוי בתמידיות, קאָן מען גרינגער צוקומען מתוך שלא לשמה בא לשמה. אָבער א זאַך וואָס ס'איז פאַר די אויגן [אָפען], אַז רשעים זענען יָמוּתוּ און צדיקים זענען חַיִּים, אז מ'האָט [עס] אַזוי פאַר די אויגן, דער שלא לשמה איז כסדר, וועט מען קיינמאָל נישט צוקומען צום לשמה, און אז מ'קומט קיינמאָל נישט צי צום לשמה איז טאַקע אסור, אַזוי דאָס איז דער תמצית, זיי זאָגן באריכות דאָרטן מיט אַנדערע לשונות [זה מזה], מיט אַנדערע הסברים, אָבער דאָס איז דער תצמית דבריהם, אַזוי ווי מ'קוקט אַריין.

KolSatmar.com

**לעולם די גמרא זאָגט דאָך, פאַרוואָס איז די הזכרת יום המיתה, די גמרא זאָגט** [אם] **נצחו מוטב ואם לאו יעסוק בתורה, נוצט נישט** [עסק התורה לבד], **פאַרוואָס נוצט** [עס] **נישט** [והלא אמרו (סוכה נב: וקידושין ל:) אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש ועסוק בתורה, ואז] **אם אבן הוא נימוח** [ואם ברזל הוא מתפוצץ].

**סד**

**נאָר דער אור החיים הקדוש זאָגט** [אין] **פרשת בחקותי**[כד]**, אַז "תורה הקדושה" ס'זאָל מנצח זיין דעם יצר הרע, איז טאַקע נאָר תורה "לשמה".** [און] **הגם מ'מעג לערנען שלא לשמה,** [ווייל] **מתוך שלא לשמה בא לשמה, אָבער דעם כח** [של ניצוח היצר הרע] **האָט עס נישט, ווילאַנג מ'לערנט נישט לשמה.**

**ס'זאָל האָבן דעם כח לְנַצֵּחַ את היצר הרע, מיינט דאָך תורה "לשמה", אָן אַ פְּנִיּוֹת, אָן כַּוָּנוֹת פאַר 'זיך'.**

[עד כאן דברי האור החיים הק'].

**סה**

**ישוב קושיא א בגמרא דברכות**

הזכרת יום המיתה מועיל לסלק הנגיעות והפניות שגורמים שלא לשמה, ולזה אמרו דאם לא נצחו בתורה יזכיר לו יום המיתה, כדי לסלק הפניות, ועי"ז שוב יעסוק בתורה "לשמה". אבל לעולם העצה לנצחון היצר הרע, הוא דייקא על ידי "תורה"

[און] **אויף "דעם", מְסַלֵּק צו זיין די תַּאֲווֹת וואָס מ'וויל האָבן** [שהם הפניות של "שלא לשמה"], **צו דעם איז גוט די הזכרת יום המיתה**[כה]**.**

[ממילא] **איז נישט דער פְּשַׁט** [שיזכיר לו יום המיתה כדי לבטל היצר הרע, ווייל] **די הזכרת יום המיתה איז נאָכנישט מבטל דעם יצר הרע, מבטל דעם יצר הרע איז טאַקע נאָר די**

---

[כד] **באור החיים הק'** (בחקותי כו, ג. אופן ז): **עוד ירצה** [הכתוב אם בחקותי תלכו וגו'], **על דרך אומרם ז"ל** (אבות ד, יד) **הוי גולה למקום תורה, שצריך לכתת רגליו ממקום למקום ללמוד תורה, והוא אומרו אִם בְּחֻקֹּתַי שהיא עסק התורה, צריכים שתֵּלֵכוּ ממקומכם אחריה. גם כדי שתהיו פנויים אין נכון ללמוד והוא בביתו, כי יטרדוהו בצורכי הבית, לכן יעזוב איש את אביו ואת אמו, ויסע ממקומו ללכת אחריה.**

**ואומרו וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ, יתבאר על דרך מה שאמרו במסכת שבת** (לא:) **מכריז רבי ינאי חבל על מאן דלית ליה דרתא ותרעא לדרתא עביד, שעיקר עסק התורה צריך שיהיה לשמור ולעשות, והוא אומרו אִם בְּחֻקֹּתַי וגו', שהוא עסק התורה, תנאי הוא הדבר וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם.**

**ואמר וְאֶת מִצְוֹתַי** [בלשון רבים], **יתבאר על דרך אומרו בגמרא** (ברכות יז.) **הלומד שלא לשמה נוח לו שלא נברא, והקשו בתוספות** (שם ד"ה העושה) **עם אותה שאמרו** (פסחים נ:) **לעולם יעסוק אדם בתורה אפילו שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה, ותירצו כי הם שני אופנים שלא לשמה, אחד לקנטר ואחד להתכבד, לקנטר נוח לו שלא נברא, להתכבד יעסוק שמתוך וכו'. והוא מאמר הכתוב אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, ותנאי הוא הדבר ואת מצותי, שבה שני מצות הצריכין בלימודה, שלא ילמדו לא לקנטר, ולא להתכבד, אז תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, מבטיח הכתוב שהגם שתבא עבירה לידו יהיה ניצול ממנה, וכאומרם** (סוטה כא.) **תורה מגינא ומצלא מיצר הרע, וכמו שאמרו במסכת עבודה זרה** (יז:) **באותו מעשה של רבי חנינא ורבי יונתן שחלפו אפיתחא דזונות וכו', דכתיב** (משלי ב, יא) **מְזִמָּה תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ וגו'. ודקדק לומר ועשיתם, על דרך אומרם ז"ל** (קידושין לט:) **ישב אדם ולא עבר עבירה נותנין לו שכר כעושה מצוה, והעמידוה כשבאה עבירה לידו וניצול ממנה, הגם שאינה אלא 'שמירה', מעלה עליו הכתוב כאילו 'עשה' מעשה מצות.**

**והגם שדרש רבא** (פסחים שם) **בפסוק** (תהלים נז, יא) **כִּי גָדֹל עַד שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ, זה הלומד שלא לשמה אלא להתכבד, הטעם לא שיש רצון הבורא בלימוד זה, אלא לתכלית היוצא ממנו שיבא ללמוד לשמה, ותורה זו אין בסגולתה להציל מיצר הרע בבא עבירה לידו. ובזה יש לתרץ מה שהקשו שם בסוטה** (כא.) **לרב יוסף שאמר תורה בין בעידנא דעסיק בה בין בעידנא דלא עסיק בה מגנא ומצלא, אלא מעתה דואג ואחיתופל מי לא עסקו בתורה, אמאי לא אגינא עלייהו עד כאן, לדברינו אין קושיא, שהם היו לומדים מתחלתם שלא לשמה, ואין כח בתורה כזו להגין עליו מיצר הרע.**

[כה] **עיין באורך במסילת ישרים** (פרק טו, טז, יז), **ובזה יובן היטב דברי רבינו כאן.**

KolSatmar.com

[עסק] **תורה הקדושה** [שעל זה אמרו אם אבן הוא נימוח]. **נאָר אַז ס'נוצט נישט די** [עסק] **תורה הקדושה, איז דאָך אַ סימן אַז מ'איז געכאַפּט אין פְּנִיּוֹת און כדומה** [ותורתו הוא "שלא לשמה"], **אויף "דעם" זאָגט ער יזכיר לו יום המיתה, אפשר דאָס זאָל העלפן** [צו] **מְסַלֵּק זיין די פְּנִיּוֹת,** [כדי] **אַז די** [עסק] **תורה הקדושה זאָל בלייבן תורה "לשמה", און דעמאָלטס דערנאָך נוצט די תורה הקדושה** [לנצח ולבטל את יצרו הרע].

**אָבער דער 'תּוֹעֶלֶת'** [לנצח את היצר הרע] **איז נאָר אין די** [עסק] **תורה הקדושה.**

**דאָס האָב איך 'שוין לאַנג' געזאָגט דעם פְּשַׁט** [בביאור הגמרא ברכות][כו].

## סו

### ישוב קושיא כב

לכאורה צ"ב מה שאמרו דהתורה מתקיימת רק בממית עצמו עליה, והלא אדרבה וָחַי בָּהֶם כתיב, ולא שימות בהם.

**איבערדעם איז רעכט** [מה שאמרו דהתורה מתקיימת רק במי שממית עצמו עליה].

**דעס וואָס די גמרא זאָגט מתוך שלא לשמה בא לשמה, אויף דעם שטייט** [העצה איך לבטל הפניות דשלא לשמה, ולבא לידי לשמה, במה שאמרו] **אֵין התורה מתקיימת אלא במי 'שממית עצמו' עליה.**

[והכוונה בזה, דהנה לכאורה קשה שהרי] **לעולם שטייט דאָך** (יומא פה:) **נאָר וָחַי בָּהֶם** (אחרי יח, ה), **ולא שימות בהם,** [וא"כ האיך אמרו שהתורה מתקיימת רק במי שממית עצמו עליה].

## סז

### אבל להאמור ניחא, דמה שאמרו ממית עצמו עליה, היינו במחשבה, והכוונה על הזכרת יום המיתה שזה נצרך לאדם בכדי שיזכה לבא לידי תורה לשמה

**נאָר וואָס דען, אַז מ'איז** [מקבל] **'הַזְכָּרַת' יום המיתה הייסט ווי גלייך ס'איז 'געווען'** [כאילו מת בפועל], **ווי דער זוהר הקדוש זאָגט דאָך**[כז] [כי] **אַז מ'איז אויף זיך מקבל** [מסירת נפש למות עבור כבוד ה'], **אַז מ'זעט** [ומצייר לפניו כאילו מת], **איז ווי גלייך ס'העט שוין 'געווען'.**

**איז דער פְּשַׁט, אֵין התורה מתקיימת אלא במי 'שממית עצמו' עליה,** [והכוונה] **אַז מ'האָט אינזין** [הזכרת יום המיתה, ומקבל עליו מסירת נפש (וכדלעיל באות סו), ממילא] **איז די תורה "מתקיימת", האָט עס אַ "כֹּחַ"** [אז מ'זאָל קענען] **מִתְגַּבֵּר זיין אויפן יֵצֶר הָרָע**[כח].

---

[כו] **ומהם בדרשה שב"ק פרשת בלק תשכ"ה בעיר בני ברק** (נדפס בקונטרס חידושי תורה ודרשות עמוד נה). **ועיין זה גם בדברי יואל תנינא ואתחנן** (עה"פ קרב אתה ושמע).

[כז] **בזוהר הק'** (במדבר דף קכא.): **וְיֶחֱזֵי בַּר נַשׁ גַּרְמֵיהּ כְּאִילּוּ פָּטִיר מִן עָלְמָא, דְּנַפְשֵׁיהּ מָסִיר לְהַאי אֲתַר דְּמוֹתָא וכו'.** דְּרָזָא דְּמִלָּה, דְּאִית חוֹבִין דְּלָא מִתְכַּפְּרָן עַד דְּאִתְפְּטַר בַּר נַשׁ מֵעָלְמָא, הֲדָא הוּא דִּכְתִיב (ישעי' כב, יד) אִם יְכֻפַּר הֶעָוֹן הַזֶּה לָכֶם עַד תְּמוּתוּן, וְהַאי יָהִיב גַּרְמֵיהּ וַדַּאי לְמוֹתָא, וּמָסִיר נַפְשֵׁיהּ לְהַאי אֲתַר, לָאו בְּפִקְּדוֹנָא כְּמָה בְּלֵילְיָא, אֶלָּא כְּמַאן דְּאִתְפְּטַר מִן עָלְמָא וַדַּאי. וְתִקּוּנָא דָּא בָּעֵי בְּכַוָּנָא דְּלִבָּא, וּכְדֵין קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מְרַחֵם עֲלוֹי וּמְכַפֵּר לֵיהּ לְחוֹבֵיהּ.

[כח] וז"ל רבינו בזה בס"ג החודש שם: ס'איז אֵין התורה "מתקיימת" אלא במי שממית עצמו עליה, [ווייל] **תורה לשמה** האָט א 'קיום', [משא"כ] **תורה שלא לשמה** ברענגט נאָך [פאַרקערט, אז] אַסאַך קענען אַרויסגיין חלילה פונעם וועג [טאַקע] 'מיט' די תורה הקדושה, [דורכדעם וואָס] מ'זאָגט פאַלטשע פְּשָׁטִים, מ'איז מְגַלֶּה פנים בתורה של כהלכה, רחמנא ליצלן די וועלט ווערט נאָך פאַרפירט נאָך אַרגער [דורך זייער תורה]. ווי דער **חתם סופר** זאָגט (עה"ת, בפרשת חקת) [לפרש הפסוק אָדָם] **כִּי יָמוּת "בְּאֹהֶל"**, אין אהל של תורה, דעמאָלטס [איז] **כל אשר באהל יטמא**, דעס איז מטמא די וועלט.

איבערדעם זאָגט ער אֵין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, ער מיינט [פְּשַׁט] אַזוי ווי ער רעכנט אויס [בגמרא דברכות] דעם הזכרת יום המיתה, דאָס הייסט דאָך כאילו, דער זוהר הקדוש זאָגט דאָך [כי] אז מ'איז אויף זיך מקבל מסירת נפש הייסט שוין ווי גלייך כאילו נתפטר וכו'.

### סח
### ישוב קושיא א - על המדרש רבה בראשית

מה שהתירו שלא לשמה, הוא רק מטעם שמתוך שלא לשמה בא לשמה. אבל אם לא היה גזירת מיתה על כל אחד, אז לא היה שייך העצה דהזכרת יום המיתה, ולא היו באים לעולם לידי לשמה

**איבערדעם איז רעכט** [דברי המדרש בפרשת בראשית].

**'ווייל' ס'איז דאָ הזכרת יום המיתה, קען מען צוקומען צו תורה "לשמה", און ממילא קאָן זיין מתוך שלא לשמה בא** [לשמה, ממילא איבערדעם] **מעג מען עס לערנען** [אפילו] **שלא לשמה.**

**אָבער ווען ס'העט נישט גיווען געווען די הזכרת יום המיתה, איז דאָך שווערער ציצוקומען צו לשמה, העט מען טאַקע נישט געטאָרט לערנען שלא לשמה.**

**איבערדעם איז רעכט וואָס דער מדרש זאָגט, איבערדעם קען זיין איז דאָ די** [גזירת] **מיתה, ווייל** [לולי זאת יש לחוש] **ס'וועט זיין שלא לשמה. איי מ'מעג דאָך שלא לשמה, דאָס איז 'היצטערט' שוין, ווייל ס'איז דאָ דער יום המיתה.**

**דאָס האָב איך 'דעמאָלטס' געזאָגט** [בפרשת החודש].

### סט
### ישוב קושיא כא
(עד אחר אות עג)

מבואר בפסוקי הפרשה, כי התכלית של פרה אדומה הוא לעשות "אפר פרה" בכדי שיוכלו ישראל לטהר עצמן מן טומאת מת

**היצט איז אַזוי. די פָּרָה אֲדוּמָּה איז אינגאַנצן נאָר** [אויף] **לְטַהֵר הַטְּמֵאִים פון טומאת מת. אין די תורה הקדושה אין די גאַנצע פרשה, זעט מען אַז די גאַנצע פרה איז דאָס תועלת דערפון** [לטהר מן] **טומאת מת, איבערדעם האָט מען געהאַלטן אֵפֶר פָּרָה,** [וכדכתיב הַנֹּגֵעַ בְּמֵת לְכָל נֶפֶשׁ אָדָם וגו'] **הוּא יִתְחַטָּא בוֹ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, די גאַנצע אֵפֶר פָּרָה האָט מען געהאַלטן צו 'דעם' תכלית.**

### ע
### [קושיא יד]

ולכאורה קשה על זה, דהלא במתן תורה פסקה גזירת המיתה, ולא חזרה גזירת המיתה אלא בשביל עֲוֹן העגל, וא"כ אם פרה אדומה מכפרת על החטא העגל, היה מן הראוי ששוב לא יהיה עוד גזירת המיתה בעולם, וכמו שהיה קודם חטא העגל

**איז דאָך אַ קשיא** (כדלהלן באות עא).

[דהנה מלבד וואָס] **לכאורה מ'פרעגט דאָך די קשיא פאַרוואָס מ'זאָגט** [אַז] **פָּרָה אֲדוּמָּה איז אַ חֻק, ס'שטייט דאָך** [ברש"י טעם על פרה אדומה בשם ר' משה הדרשן, דהוא משל לבן שטינף פלטין של מלך, אומרים לון] **תבוא אמו ותקנח צואת בנה,** [והנמשל כי הפרה היא אמה של עגל, און] **ס'איז אַ כפרה אויפן חטא העגל.** (התירוץ, להלן באות קנו)

### עא
### [קושיא טו]

**נאָר** [מלבד זה יש עוד קושיא אחרת, כי] **אַז ס'קומט** [די אפר פרה] **אויפן חטא העגל מכפר צו זיין,** [און] **די גאַנצע מיתה שטאַמט דאָך פון חטא העגל, אַזוי שטייט דאָך אין די גמרא**[כט]**,** [אַז] **ווען אידן האָבן געזאָגט נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע האָט מען מְסַלֵּק געווען דעם**

---

[כט] **בגמרא עבודה זרה** (ה.)**: אמר ריש לקיש, בואו ונחזיק טובה לאבותינו** [פירש"י: עושי העגל]**, שאלמלא הן לא**

גאַנצן יום המיתה, נאָר דורכ׳ן חטא העגל - אָכֵן כְּאָדָם תְּמוּתוּן (תהלים פב, ז) - איז מען צוריק אַריינגעפאַלן אין די גְזֵירָה.

נו אַז דו וועסט זאָגן [אַז] פָּרָה אֲדוּמָה איז מכפר אויפן חטא העגל, דאַרף צו זיין ׳אויס׳ מיתה, [וכמו שהיה קודם חטא העגל, לאחר מתן תורה].

עב

[ישוב קושיא טו]

אבל התירוץ לזה הוא, דסוף סוף כיון שחזרה זוהמתן וחזר היצר הרע בעולם לאחר חטא העגל, על כן שוב א״א לבטל גזירת המיתה, בשביל שיש צורך בהזכרת יום המיתה עבור ניצוח היצר הרע, כדי לסלק הפניות ויוכלו לבא לידי לשמה, וכמבואר לעיל

נאָר אָבער, מ׳דאַרף דאָך עס האָבן [גזירת המיתה, ווייל] דורכן חטא העגל איז דאָך אַראָפּגעקומען די זוּהֲמָא [שחזרה זוהמתן שפסקה מהן, דהיינו כח היצר הרע, וממילא] איז מען שוין נישט געווען אזוי שטאַרק [אַקעגן יצר הרע, ולכן] לְהִתְגַּבְּרוּת הַיֵּצֶר [לנצח אותו] פעלט שוין אויס הזכרת יום המיתה, כדי אַז מיט די [כח עסק] תורה הקדושה זאָל [מען] זיך קענען מִתְגַּבֵּר זיין [על היצר הרע. וזהו רק בתורה לשמה, ולהגיע לידי לשמה ולסלק הפניות, נצרך לזה הזכרת יום המיתה].

עג

ולכן דייקא בפרשה זו אמר זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל, אֵין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, לרמוז התירוץ על מה שעדיין יש גזירת מיתה בעולם, כי אין קיום לתורה אלא ע״י הזכרת יום המיתה וקבלת מסירת נפש עבור שמירת התורה

איבערדעם זאָגט ער דאָס אין די פרשה פון פָּרָה אֲדוּמָה, [ווייל אַז] ס׳קומט מכפר זיין דעם חטא העגל, איז דאָך אַ קשיא ״נאָך וואָס דאַרף מען יום המיתה״ [והלא כבר נתכפר עון העגל שמחמתה חזרה המיתה. ולתרץ זאת אמר הכתוב באמצע פרשה זו] אָבער זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל, אֵין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה [דהכוונה שמסלק נגיעותיו ע״י הזכרת יום המיתה, ממילא] מוז מען עס האָבן [גזירת המיתה] צו דעם צוועק [של עסק התורה לשמה].

איבערדעם קומט דאָס אַריין אין די פרשה פון פָּרָה אֲדוּמָה, ס׳זאָל פאַרענטפערן די גאַנצע ענין פון די פרשה פון פָּרָה אֲדוּמָה [שהוא בא על טומאת מת, וגם בא לכפר על חטא העגל, דלכאורה הם שני דברים הסותרים, וע״כ כדי לתרץ זאת השמיענו הכתוב לימוד זה בפרשה זו].

---

חטאו, אנו לא באנו לעולם, שנאמר (תהלים פב, ו) אֲנִי אָמַרְתִּי אֱלֹקִים אַתֶּם וּבְנֵי עֶלְיוֹן כֻּלְּכֶם, חבלתם מעשיכם, אָכֵן כְּאָדָם תְּמוּתוּן וגו׳ (שם, ז) וכו׳. לא תימא אנו לא באנו לעולם [שהיו כמלאכים ולא הולידו בנים], אלא כמי שלא באנו לעולם [לפי שהן חיים לעולם וכל זמן שהן קיימין אין אנו חשובין כלום] וכו׳. הוא דאמר כי האי תנא, דתניא רבי יוסי אומר לא קיבלו ישראל את התורה אלא כדי שלא יהא מלאך המות שולט בהן, שנאמר אֲנִי אָמַרְתִּי אֱלֹקִים אַתֶּם וּבְנֵי עֶלְיוֹן כֻּלְּכֶם, חבלתם מעשיכם, אָכֵן כְּאָדָם תְּמוּתוּן:

ובשמות רבה (לב, א): הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ מַלְאָךְ (משפטים כג, כ), הדא הוא דכתיב אָמַרְתִּי אֱלֹקִים אַתֶּם, אילו המתינו ישראל למשה ולא היו עושים אותו מעשה, לא היתה גליות ולא מלאך המות שולט בהן, וכן הוא אומר (תשא לב, טז) וְהַמִּכְתָּב מִכְתַּב אֱלֹקִים הוּא חָרוּת עַל הַלֻּחֹת, מהו חרות, ר׳ יהודה ור׳ נחמיה, ר׳ יהודה אומר חירות מן גליות, ור׳ נחמיה אומר חירות ממלאך המות. בשעה שאמרו ישראל כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע, אמר הקב״ה, אדם הראשון צויתיו מצוה אחת כדי שיקיימנה, והשויתיו למלאכי השרת שנאמר (בראשית ג, כב) הֵן הָאָדָם הָיָה כְּאַחַד מִמֶּנּוּ, אלו שהן עושין ומקיימין תרי״ג מצות חוץ מן הכללים ומן הפרטים ומן הדקדוקים, אינו דין שיהיו הן חיין וקיימין לעולם. וכן הוא אומר (חקת כא, יט) וּמִמַּתָּנָה נַחֲלִיאֵל, שנחלו מהקב״ה שיהיו חיים וקיימין לעולם. כיון שאמרו אלה אלהיך ישראל, בא מות עליהן, אמר הקב״ה, בשיטתו של אדם הראשון הלכתם שלא עמד בנסיונו ג׳ שעות ובתשע שעות נקנסה עליו מיתה, אני אמרתי אלקים אתם, והלכתם אחר מדותיו של אדם הראשון, אָכֵן כְּאָדָם תְּמוּתוּן.

### עד
### ישוב קושיא ד (באופן ראשון)

ולזה נאמר כאן זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה", כי בפרשה זו בפסוק
זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל נרמז איך לבא לידי "תורה" לשמה

[און] **דורכדעם קען זיין תורה "לשמה". איבערדעם איז רעכט וואָס ס'שטייט זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה",** [ווייל] **דורך דער פרשה וואָס מ'לערנט אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל,** [יכולין לזכות לעסק התורה לשמה].

### עה
### ישוב קושיא כג

וכן שפיר נרמז כאן דברי המדרש והספרי דבפסוק
זה נרמז גם כן ענין "הגזירת מיתה" בעולם

**און די גזירת מיתה קומט אויך אַרויס פון דעם,** [יען שנצרך להיות ענין הזכרת יום המיתה, כדי שיוכלו לקיים המאמר אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, ולבא עי"ז לידי תורה לשמה].

**איבערדעם איז רעכט דער ספרי** (בקושיא כג)**, אַז פון דאַנעט איז געדרינגען אַז ס'איז אַ גְזֵירָה,** [דער] **אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל, ס'איז אַ גְזֵירָה** [ענין המיתה]**, ווייל ס'מוז זיין** [הזכרת יום המיתה] **– ווי איך האָב פריער געזאָגט – אויף** [דעם צוועק פון] **תורה לשמה**[ל]**.**

### עו
### ישוב קושיא כד - עם המשך ישוב קושיא כג

וזה ששאלו מלאכי השרת למה מת משה, דהלא מעלת משה גדלה מכל אדם, ויבינו הכל שאין לדמות עצמן אליו, וא"כ לא יביא לידי שלא לשמה. ועל זה השיבו להם, דעכ"ז אם היה מציאות בעולם שיהיה אדם שחי לעולם, אכתי היו חושבין לבא למעלתו כדי שיחיו לעולם, ונמצא שהיתה עשייתן לעולם שלא לשמה, כי היה נחסר מן כח התועלת של הזכרת יום המיתה

**און פאַרדעם האָט מען גערעכנט** [די מלאכי השרת]**, אַז משה רבינו קען זיך קיינער נישט צוגלייכן** [צו אים, כדכתיב] (ברכה לד, יד) **וְלֹא קָם נָבִיא עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל** [כְּמֹשֶׁה, ולכן שאלו] **אַז ס'זאָל זיין אַ חילוק פון משה רבינו** [לשאר אנשים].

**זאָגט ער, אף על פי כן האָט מען אַלץ** [נישט קיין חילוק געמאַכט]**, ווייל** [אויב] **ס'איז שוין פאַרהאַנדן אַ מציאות דורך די תּוֹרָה** [לחיות לעולם, אם היה משה חי לעולם]**, האָט מען שוין מורא געהאַט** [שיעסקו בתורה ומצות 'לעולם' שלא לשמה].

### עז

**איבערדעם פרעגט ער למה מת משה.** [און] **איבערדעם קער דאָס צו דער פרשה פון פָּרָה אֲדֻמָּה.** [כי חשבו מלאכי השרת] **ביי משה רבינו אפשר איז שוין נישטאָ דער חשש וועגן שלא לשמה** [אפילו אם לא יהיה עליו גזירת מיתה, שהרי] **ווער וועט זיך צוגלייכן צו משה רבינו'ן,** [ולכן שאלו אם כן] **העט 'ער' נישט געוועט געדאַרפט האָבן קיין מיתה.**

**זאָגט ער אָבער ניין, ס'איז נישט פאַרהאַנדן, ס'מוז זיין מִקְרֶה אֶחָד לַצַּדִּיק וְלָרָשָׁע,** [ווייל] **אַז ס'איז שוין דאָ דאָס 'מְצִיאוּת'** [שיש מי שזוכה לחיות לעולם] **האָט מען שוין מוֹרָא געהאַט** [שיעסקו לעולם שלא לשמה].

---

[ל] ומה יומתק לפי זה מה שבתרגום אונקלס מפרש על זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה, דָּא 'גְזֵירַת' אוֹרַיְתָא.

### עח

איבערדעם איז געווען, איבערדעם האָבן פלאַץ דאָ די [צוויי] **מדרשים**, דאָ אַהער צו דער פרשה פון פָּרָה אֲדוּמָּה.

### עט

**הקדמה לאופן שני בישוב קושיא כג, ולישוב קושיא ט**

(עד אחר אות פו)

עקסטערדעם [יש לומר בטעם שמרומז ענין גזירת המיתה בפרשה זו דייקא, דהוא יען] **וואָס** מ׳זעט אין דער פרשה פון פָּרָה אֲדוּמָּה דער הִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַדּוֹרוֹת [והתדרדרותם].

### פ

**במשנה מבואר דתשע פרות עשו מימות משה עד עתה. וכתב הרמב״ם דפרה העשירית יעשה מלך המשיח**

[דהנה] די **משנה** רעכנט אויס[לא] [אַז] **ניין** (9) **פָּרָה אֲדוּמָּה׳ס** איז געמאַכט געוואָרן ביז היינט.

און דער **רמב״ם** זאָגט[לב] אַז די צענטע וועט מאַכן דער מלך המשיח. דער **רבינו בחיי** ברענגט אויך[לג], רעכנט אויס צען, דאָס צענטע [יעשה משיח צדקינו].

אין די **משנה** שטייען די ניין (9).

### פא

שטייט גאָר אפילו[לד], מ׳ווייסט אפילו נישט קיין מְקוֹר פון וואו דער רמב״ם האָט דאָס גענומען. [ומצד הסברא הלא האפר פרה של משה נגנז, ולעתיד שוב יתגלה, ויוכלו להשתמש אז באפר פרה שעשה משה במדבר][לה].

[נאָר דער רמב״ם] ער האָט אַוודאי אַ מְקוֹר אַז ער זאָגט אַזוי, מסתמא האָט ער עס געטראָפן ערגעץ אין **דברי חכמינו ז״ל, אין מדרשים וכדומה**[לו], [שלעתיד יעשו פרה חדשה].

---

[לא] **במשנה** (פרה ג, ה): **לֹא מָצְאוּ מִשֶּׁבַע, עוֹשִׂין מִשֵּׁשׁ, מֵחָמֵשׁ, מֵאַרְבַּע, מִשָּׁלֹשׁ, מִשְּׁתַּיִם, וּמֵאַחַת. - וּמִי עֲשָׂאָם, הָרִאשׁוֹנָה עָשָׂה מֹשֶׁה, וְהַשְּׁנִיָּה עָשָׂה עֶזְרָא, וְחָמֵשׁ מֵעֶזְרָא וְאֵילָךְ, דִּבְרֵי רַבִּי מֵאִיר. וַחֲכָמִים אוֹמְרִים, שֶׁבַע מֵעֶזְרָא וְאֵילָךְ. וּמִי עֲשָׂאָן, שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק וְיוֹחָנָן כֹּהֵן גָּדוֹל עָשׂוּ שְׁתַּיִם שְׁתַּיִם, אֶלְיְהוֹעֵינַי בֶּן הַקּוֹף וַחֲנַמְאֵל הַמִּצְרִי וְיִשְׁמָעֵאל בֶּן פִּיאָבִי עָשׂוּ אַחַת אֶחָת.**

ומפרש **הברטנורא** וז״ל: **לא מצאו משבע.** משום דאמרן (לעיל משנה א) דמכל חטאות שהיו שם מזין עליו, משום הכי קאמר דאם לא מצאו משבע, מזין אפילו מאחת: **וחמש מעזרא ואילך.** רבי מאיר לא מני הארבע שעשו שמעון הצדיק ויוחנן כהן גדול אלא לשתים, משום דסבירא ליה שעל ידי פסול שאירע בראשונה נעשית השניה: **וחכמים אומרים שבע מעזרא ואילך.** דסבירא להו שכולן כשרות היו:

[לב] **ברמב״ם** (פרה אדומה ג, ד): ושלשה חלקים היו חולקין את כל אפרה, אחד ניתן בחיל, ואחד בהר המשחה, ואחד מתחלק לכל המשמרות וכו׳. וזה שניתן בחיל היה מוכן ומוצנע, שנאמר והיתה לעדת בני ישראל למשמרת, מלמד שמצניעין ממנו. וכן היו מצניעין מאפר כל פרה ופרה ששורפין - בחיל. **ותשע פרות אדומות נעשו משנצטוו במצוה זו עד שחרב הבית בשנייה**, ראשונה עשה משה רבינו, שנייה עשה עזרא, ושבע מעזרא עד חורבן הבית, **והעשירית יעשה המלך המשיח** מהרה יגלה, אמן כן יהי רצון.

[לג] **ברבינו בחיי** (יט, ב): ומצינו שנעשו תשע פרות אדומות משנצטוו במצוה זו עד שחרב הבית בשניה, ראשונה עשה משה, שניה עשה עזרא, ושמעון הצדיק ויוחנן כהן גדול עשו שתים שתים, ושביעית שרף אֶלְיְהוֹעֵינַי, ושמינית שרף חֲנַמְאֵל הַמִּצְרִי, ותשיעית שרף יִשְׁמָעֵאל בֶּן פִּיאָבִי, **עשירית עתיד לשרוף מלך המשיח** במהרה בימינו.

[לד] עיין בספר **דברי שאול** עה״ת (להגאון בעל שואל ומשיב, בסוף הספר בהשמטות לפרשת חקת, ד״ה במדרש אמרו) **שכתב** וז״ל: דהנה הרמב״ם פרק ג׳ מפרה הלכה ד׳ כתב, דפרה עשירית עתיד המלך המשיח מהרה יגלה לעשות. **והנה המקור לא ידעתי כעת, ובמשנה ותוספתא לא ראיתי בהחפזי.**

[לה] כן ביאר רבינו הקושיא בס״ג **פרה תשי״ח** (לשו״ק נו, קושיא ז). - **ועיין מענין זה בדברי רבינו להלן** (באות רח-רי).

פב

**[קושיא יא]**

לפי חשבון המשנה נמצא דפרה ראשונה שעשה משה, הספיקה האפר פרה עד ימות עזרא הסופר, ומשם ואילך היו עוד ז׳ או ה׳ פרות מלבד פרה השניה שעשה עזרא. והוא פלא, למה פרה ראשונה הספיקה לערך תת״ק שנה, ועל ת״כ שנה של עמידת בית שני הוצרכו עוד ו׳ או ח׳ פרות. וביותר יוקשה זה, דהלא בבית ראשון היה ארץ ישראל מרובה באוכלוסין הרבה יותר מבבית שני

נאָר אַז מ׳איז דאָ מִתְבּוֹנֵן [אין] **דעם חֶשְׁבּוֹן פון די** [תֵּשַׁע] **פָּרוֹת**, [נמצא כי] **ביז עזרא הסופר** [שהיה בתחלת הבית שני], **פון משה רבינו, איז נישט געווען קיין נייע פָּרָה אֲדוּמָה.** איז געווען [נאָר] **די איינע פָּרָה וואָס משה רבינו האָט געמאַכט.** [והשניה נעשה ע״י עזרא הסופר].

[און] **פון עזרא הסופר אָן, איז געווען** [נאָך] **זיבן** [פרות. אין] **דעם חשבון אין מֶשֶׁךְ פון בית שני איז געווען** [נאָך] **זיבן פָּרָה אֲדוּמָה׳ס** [מלבד הפרה שעשה עזרא].

פג

[אַז] **מ׳קוקט אָן** [דעם חשבון, קומט אויס] **פון משה רבינו׳ן איז געווען אַסאַך מער ווי נאָכאַמאָל אַזויפיל צייט ווי דער זמן פונעם מקדש שני.**

**ס׳האָט דאָך געדויערט איבער פיר הונדערט** (440) **יאָר** [משנכנסו לארץ] **ביז מ׳האָט אויפגעשטעלט אַ בית המקדש. און דער בית המקדש** [הראשון] **איז געשטאַנען ת״י** [שנה] (410), **און ביז אַהין,** [הארבעים שנה שהיו] **אין די מִדְבָּר, און** [בארץ ישראל] **ביז אַהין** [עד בנין בית שני בימי עזרא], **איז דאָך אַ חשבון פון באַלד טויזנט יאָר,** [באַלד] **ניין הונדערט יאָר**[לז] (889).

**און מ׳האָט דאָך כסדר גענוצט אֵפֶר פָּרָה, ס׳איז געווען מְרוּבָּה בְּאוֹכְלוֹסִין געוועזן** [בזמן בית ראשון יותר מבבית שני][לח]**, און מ׳האָט אַלץ גענוצט אֵפֶר פָּרָה, און ס׳איז גענוג געווען ״איין״ פָּרָה אֲדוּמָה די גאַנצע צייט, באַלד טויזנט יאָר.**

**און אין מֶשֶׁךְ פון פיר הונדערט** [צוואָנציג] **יאָר** [שעמד הבית שני] **האָט מען געדאַרפט האָבן** [נאָך] **זיבן** [פָּרוֹת, מלבד פרת עזרא שעשה בתחילת הבית שני].

**מ׳קאָן זאָגן** [ס׳איז נאָר נאָך] **פינף, ווייל צוויי** [פון די זיבן] **איז געווען** [שבאו] **לִידֵי פְּסוּל,** [און] **איבערדעם האָט מען געמאַכט נאָך** [צוויי][לט]. [אָבער] **על כל פנים** [נאָך] **פינף** [האָט אויסגעפעלט].

**ס׳איז עפּעס** [א פֶּלֶא], **ס׳איז מיר אַביסל ׳אין פלוג׳**[מ] **אַ שטיקל פֶּלֶא.**

---

[לו] כי הרמב״ם היה לו כמה מאמרים ומדרשים שאינם מצויים בידינו, וכמו שבאר רבינו בס״ג **ויקהל תשכ״ז**, **ובויואל משה** (ב, מח). ובקצרה הזכיר מזה בס״ג **נשא תשי״ד** (לשו״ק קצד, אות סה) ועוד.

[לז] ומזמן עשיית פרה ראשונה שעשה משה, ביום ב׳ ניסן בשנה השנית לצאתם ממצרים, עד שנכנסו לארץ, היה עוד ל״ט שנים. ונמצא דבנין בית המקדש, היה סך תע״ט (479) שנים לאחר שריפה פרה עשה משה, ועד אז היה די להם בפרה זו, ועוד היה מספיק לעוד ת״י (410) שנים של עמידת הבית ראשון. ונמצא דסך הכל שימשה הפרה ראשונה למשך תתפ״ט (889) שנים.

[לח] וכמבואר **באיכה רבה** (א, ב) על הפסוק הָעִיר רַבָּתִי עָם (איכה א, א). משא״כ בבית שני לא היו כל יושביה עליה כמבואר **בגמרא ערכין** (לב:), והרבה נשארו בבבל ובשאר ארצות.

[לט] כמבואר בפירוש **הברטנורא** (פרה ג, ה. ד״ה וחמש). והובא לעיל בהערה לא.

[מ] פירוש: במושכל ראשון.

### פד
### [ישוב קושיא יא]

וצריך לומר דבפרה שעשה משה, נכנסה בו הברכה, שהיתה פרה אחת מספקת אפרה לכפליים בזמן שהספיקה אפר שאר הפרות. וכעין שמצינו בנר המערבי שהיה תלוי לפי קדושת כהן גדול המדליק ולפי קדושת הדור, כמו כן צריך לומר בענין פרה שעשה משה שהספיקה הרבה יותר

[נאָר] **זעט עפּעס אויס, די ערשטע פָּרָה פון משה רבינו'ן** [היה בבחינה גבוה יותר, יען כי] **דעמאָלט איז געווען אַן 'אַנדער' דור.**

**אַזוי ווי מיטן נר המערבי** [שהיה תלוי זמן הדלקתו לפי קדושת הדור, ולפי קדושת כהן הגדול המדליק][מא]**.**

### פה

[ולכן בפרה שעשה משה רבינו] **האָט עס געדויערט לענגער, איז געווען אַ בְּרָכָה אַריינגעקומען, צי וואָס.** [און] **מ'האָט נישט געברויכט** [נאָר] **אפשר ווייניגער ווי אַ צענטל חלק** [פון שפּעטער, כי היה מספיק] **איין פָּרָה אֲדוּמָה פאַר מער ווי נאָכאַמאָל אַזויפיל יאָרן,** [כי בבית שני] **האָט מען געדאַרפט האָבן על כל פנים פינף** [פרות] **פאַר ווייניגער ווי די העלפט יאָרן. איז דאָס מער ווי צען מאָל אַזויפיל האָט געדויערט די ערשטע פָּרָה אֲדוּמָה.**

**מוז דאָך עפּעס זיין** [אַז] **אין די ערשטע** [פרה] **איז אַריינגעקומען אַ בְּרָכָה, ווילאַנג ס'איז געווען משה רבינו'ס פָּרָה.**

### פו

ויתכן שלולי חורבן בית ראשון, היתה מספיקה פרה ראשונה לעוד הרבה זמן

[און] **קען טאַקע זיין** [אַז] **ווען דאָס בית המקדש ווערט נישט חרוב, העט עס 'נאָך'** [לענגער] **גיוועין געדויערט** [שהיה מספיק הפרה ראשונה עוד גם להלאה]**, העט מען נישט גיוועין געדאַרפט האָבן נאָר "איין" פָּרָה אֲדוּמָה וואָס משה רבינו האָט געמאַכט** [לעוד הרבה שנים]**.**

[נאָר לאחר חורבן ראשון] **זעט עפּעס אויס איז שוין נישט געווען 'דער' כח אין די פָּרָה אֲדוּמָה** [כמו שהיה מקודם לזה, מחמת ירידת הדורות]**.**

### פז
### ישוב קושיא ט

ובזה יבואר לשון הכתוב "וְיִקְחוּ" אֵלֶיךָ, עם ו' המוסיף, דהוא על דרך יקחו ויחזו ויקחו. ובא לרמז על החורבן בית ראשון, שעבורה יצטרכו אח"כ ליקח עוד פרות אחרות מלבד הפרה שעשה משה

[ובזה יובן אומרו] **"וְיִקְחוּ"** [עם ו' המוסיף]**, ס'קען זיין,** [דהכוונה] **אַזוי ווי ס'שטייט אויף דעם "וְיִתֶּן"** [לְךָ] (תולדות כז, כח)**, ויתן ויחזור ויתן,** [אַזוי] **זאָגט רש"י.**

---

[מא] **כמבואר בגמרא יומא** (לט.): תנו רבנן, ארבעים שנה ששמש שמעון הצדיק, היה גורל עולה בימין, מכאן ואילך פעמים עולה בימין פעמים עולה בשמאל. והיה לשון של זהורית מלבין, מכאן ואילך פעמים מלבין פעמים אינו מלבין. **והיה נר מערבי דולק, מכאן ואילך פעמים דולק פעמים כבה.** והיה אש של מערכה מתגבר, ולא היו כהנים צריכין להביא עצים למערכה חוץ משני גזירי עצים כדי לקיים מצות עצים, מכאן ואילך פעמים מתגבר פעמים אין מתגבר, ולא היו כהנים נמנעין מלהביא עצים למערכה כל היום כולו. ונשתלחה ברכה בעומר ובשתי הלחם ובלחם הפנים, וכל כהן שמגיעו כזית יש אוכלו ושבע ויש אוכלו ומותיר, מכאן ואילך נשתלחה מְאֵירָה בעומר ובשתי הלחם ובלחם הפנים, וכל כהן מגיעו כפול הצנועין מושכין את ידיהן והגרגרנין נוטלין ואוכלין.

פאַרוואָס, זאָגן זיי פְּשַׁט (במזרחי שם), [ווייל] וואָס זאָגט ער עפּעס "וְיִתֵּן", [דסגי לומר] 'יִתֶּן' לְךָ, [שהרי אומרו] "וְ" גייט אַרויף אויף עפּעס. נאָר ער מיינט ווי דער מדרש טייטשט (בראשית רבה סג, ג) נאָכאַמאָל געבן און נאָכאַמאָל, איבערדעם שטייט די וא"ו, וא"ו איז מוסיף על ענין ראשון [או דמוסיף מניה וביה], ער מיינט מ'וועט אים 'נאָכאַמאָל' געבן.

**פח**

דאָס איז דער פְּשַׁט [גם בכאן]. ווייל די תורה הקדושה האָט שוין געזאָגט פאָראויס, איר זאָלט נישט מיינען ס'וועט גענוג זיין די איינע פָּרָה אֲדוּמָּה, נאָר "וְ"יִקְחוּ, מ'וועט נאָכאַמאָל נעמען און נאָכאַמאָל נעמען, ס'וועט נאָך זיין אַסאַך פָּרָה אֲדוּמָּה'ס.

**פט**

**אופן שני בישוב קושיא כג**

ואם כן בזה גופא נרמז כאן בפרשה זו ענין הגזירת מיתה של נתבטלה, במה שנרמז כאן המשך השתלשלות הדורות, שעוד יהיה חורבן ויצטרכו ליקח עוד פרות אחרות

דאָס ווייזט אַליין אַז ס'וועט זיין **אַנדערע דורות** [וואָס וועלן] נאָכקומען, [ואף] **משה רבינו** וועט נישט זיין שוין אויף דעם עולם[מב], און **עזרא הסופר**, און אַנדערע נאָך נאָך **עזרא הסופר**, וועט נאָך זיין אַסאַך פָּרָה אֲדוּמָּה'ס.

דאָס אַליין ווייזט דאָך אויס אויף **הִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַדּוֹרוֹת** וואָס ס'וועט נגרם ווערן פון די [גזירת] **מיתה** וואָס ס'איז געווען, [וואָס צוליב דעם] האָט זיך 'איבערגעוועקסלט' [און] ס'איז געקומען 'אַנדערע' **דורות** [שוואַכערע], ס'איז נישט 'די', **לֹא כְּדוֹרוֹת הָרִאשׁוֹנִים** זענען געווען **דּוֹרוֹת אַחֲרוֹנִים**[מג].

דער [ו' מוסיף פון] "**וְיִקְחוּ" אֵלֶיךָ פָּרָה אֲדֻמָּה** אַליין, ווייזט אויף דעם.

**צ**

**הקדמה לישוב קושיא יז**

בחושן משפט סימן כ"ג, יש פלוגתא לענין דיין שכתב פסק דין, ואח"כ נפלה ספק בכוונת הפסק דין, אם אותו הדיין עצמו נאמן יותר להכריע בהפשט של הפסק דין

[והנה] ס'איז דאָ אַ פלוגתא, אַ פלוגתא אין די הלכה אין די פוסקים אין **חושן משפט** [סימן] **כ"ב** [און] **כ"ג**[מד], ס'איז אין ערשטן חלק [חושן משפט], [שנחלקו לענין] אַז מ'האָט אַרויסגעגעבן אַ **פְּסַק**, צי **דער דיין** אַליין וואָס ער האָט געשריבן [דעם פְּסַק], אַז מ'קען זאָגן צוויי **פְּשָׁטִים** [בלשון הפסק, יש פלוגתא אף על הדיין הכותב] צי ער איז באַגלייבט צו זאָגן **איך האָב 'אַזוי' געמיינט** [פְּשַׁט].

---

[מב] ואתי שפיר קישור המדרש בענין גזירת המיתה לכאן, וממה ששאלו מלאכי השרת על משה רבינו בפרטיות למה מת משה, והתשובה על זה.

[מג] מלשון הגמרא בברכות (לה:) וגיטין (פא.): בא וראה **שלא כדורות הראשונים דורות האחרונים** וכו'.

[מד] **בשלחן ערוך** (חו"מ כג, א): כל זמן שבעלי דינים עומדים לפני הדיין, נאמן לומר לזה חייבתי ולזה זכיתי. נסתלקו מלפניו, אינו נאמן, אם אין בידו פסק דין. ודוקא בשודא דדייני, אבל דין התלוי בטענות לא שייך בו נאמנות, שלפי הטענות יזכה הזוכה, ובלבד שלא יסתור טענות הראשונות. וכל זה דוקא בדיין אחד, אבל שנים נאמנים לעולם, ואפילו אם יש שני עדים שמכחישים אותם.

ועל זה כתב שם הרמ"א: הג"ה, והוא הדין אם קבלו עליהם פשרן לזמן, כל מה שאומר תוך הזמן, נאמן. **אבל אם כבר כתב ונתן להן הפשרה, אין לו רשות להוסיף או לגרוע, (ואפילו תוך הזמן), אף על פי שאומר שכך היתה כוונתו** (ב"י [סימן יב] בשם רשב"א [ח"ג סימן רז]).

**זאָגן דאָך אַסאַך, מיינסטענס** [=רוב פוסקים] **דרינגען זיך אויף, אַז ער אַליין איז דערנאָך נישט באַגלייבט** [צו זאָגן] **איך האָב 'אַזוי' געמיינט. נאָר מ'דאַרף לערנען פְּשַׁט** [בלשון הַפְּסַק דין, אויף] **ווּעלעכעס** [אופן] **ס'ווייזט גיכער** [דער לשון].

**צא**

והמהר"ם מינץ מביא ראיה דאף הדיין עצמו אינו נאמן לפרש לשון פסק דינו, ממה שמבואר בגמרא שנחלקו במתיבתא דרקיע בדין ספק בהרת קדמה לשער לבן, דהקב"ה אמר טהור ובמתיבא דרקיע אמרו טמא, ולא יכלו להכריע בזה רק ע"י רבה בר נחמני שהיה בזה העולם ואמר טהור

**ער ברענגט דער מהר"ם, איז דאָ אַ תשובת מהר"ם** [מינץ] (סימן ק), **- דער פתחי תשובה ברענגט עס צי דאָרט**[מה]**, - ער ברענגט אַ ראיה** [דערצו, ווייל] **די גמרא זאָגט אין בבא מציעא אין** [פרק] **השוכר את הפועלים**[מו] [אַז] **הקדוש ברוך הוא האָט מחולק געווען מיט מתיבתא דרקיע ביי ספק טמא ספק טהור, ספק** [אם] **בהרת קדמה לשער לבן** [או שער לבן קדמה לבהרת]**, הקדוש ברוך הוא זאָגט טהור, און די מתיבתא דרקיע האָבן געזאָגט טמא. האָבן זיי געזאָגט ווּעמען זאָל מען פרעגן, האָט מען געזאָגט רבה בר נחמני,** [וואָס] **ער איז יחיד בטהרות.**

**האָט מען געפרעגט רבה בר נחמני, ס'איז שוין געווען פאַר'ן הסתלקות** [שלו]**, יצאה נשמתו און ער האָט געזאָגט** [בשעת יציאת נשמה] **טהור טהור.**

**צב**

**- ס'איז אַ פלוגתא אין די פוסקים**[מז] **פונדעסטוועגן, צי מ'פַּסְקְ'נט אַזוי** [כדברי רבה בר נחמני, שהרי] **תורה לא בשמים היא,** [והוא אמר זאת בשעת יציאת נשמתו][מח]**. -**

---

[מה] **בפתחי תשובה** (שם, סוף ס"ק ה)**:** וכתב עוד הרב בעל **ברכי יוסף, דמהר"ם מינץ** בתשובה סימן ק' כתב דאין הדיין נאמן לפרש דבריו, והביא ראיה מההיא דהפועלים (ב"מ פו.) דפליגי מתיבתא דרקיעא עם הקב"ה בספק קדמה בהרת לשער לבן, ואי הוי תלוי בדעת מאן דכתב וחתם הפסק, אם כן הכי נמי הקב"ה כתב ונתן התורה לא הוי פליגי עם קודשא ב"ה כו', כן הוא במהר"מ שם. אך גדול בדורו מהר"א יצחקי ז"ל דחה ראיה זו בשתי ידים, דההיא דהפועלים טעמא דלא בשמים היא וכבר נחלט הדבר לחכמי הדור, אבל כשפוסק אחד כתב פסק ומשתמע לישניה לתרי אנפי, מהיכי תיתי דלא יהא נאמן לומר לזה כוונתי וכו', עיי"ש עוד.

[מו] **בגמרא בבא מציעא** (פו.)**: קא מיפלגי במתיבתא דרקיעא,** אם אם בַּהֶרֶת קודמת לְשֵׂעָר לָבָן טמא ואם שער לבן קודם לבהרת טהור, ספק [איזה מהן קדמה], **הקדוש ברוך הוא אומר טהור, וכולהו מתיבתא דרקיעא אמרי טמא.** ואמרי מאן נוכח, **נוכח רבה בר נחמני,** דאמר רבה בר נחמני **אני יחיד בנגעים, אני יחיד באהלות.** שדרו שליחא בתריה, לא הוה מצי מלאך המות למקרב ליה, מדלא הוה קא פסיק פומיה מגרסיה, אדהכי נשב זיקא ואויש ביני קני, סבר גונדא דפרשי הוא אמר, תינח נפשיה דההוא גברא ולא ימסר בידא דמלכותא, **כי הוה קא ניחא נפשיה, אמר טהור טהור. יצאת בת קול ואמרה אשריך רבה בר נחמני שגופך טהור ויצאתה נשמתך בטהור.**

[מז] **ברמב"ם** (טומאת צרעת ב, ט) **כתב: ספק שיער לבן קדם, ספק הבהרת קדמה, הרי זו טמא. ויראה לי שטומאתו בספק:**

וכתב שם **הכסף משנה: ומה שכתב ספק שיער לבן קדם** וכו', **עד הרי זה טמא. שם** [בנגעים פרק ה] **בסוף הפרק, וכתנא קמא. ואף על גב** דבפרק הפועלים (ב"מ פו.) **אמרינן דקב"ה אמר טהור, לא בשמים היא. ואע"ג** דאמרינן מאן נוכח רבה בר נחמני, ואיהו אמר טהור ויצתה נשמתו בטהרה, יש לומר דכיון דבשעת יציאת נשמה הוא דאמר הכי, הוי בכלל לא בשמים היא, ואינו כדאי להוציא מכלל שבידינו דהלכה כתנא קמא. ועוד שבתחילת פרק ה' דנגעים סתם לן תנא הכי.

**ומה שכתב ויראה לי שטומאתו בספק.** הטעם משום דכיון דספק הוא איזה מהם קדם, אי אפשר לומר דטמא שאמרו הוא טמא ודאי, אלא טמא מספק קאמר:

[מח] **וז"ל רבינו בס"ג נצבים וילך תשכ"ו: ס'שטייט די גמרא זאָגט,** [בספק] **אם בַּהֶרֶת קדמה לַשֵּׂעָר לָבָן או שֵׂעָר לָבָן קדמה לַבַּהֶרֶת,** איז הקב"ה מחולק געווען במתיבתא דרקיע, **הקב"ה האָט געזאָגט טהור,** און זיי האָבן געזאָגט טמא, האָט מען געזאָגט ווּעם זאָל מען פרעגן, רבה בר נחמני, מ'האָט נישט געוואָלט מטהר זיין, [און] ווען רבה בר נחמני איז נסתלק געוואָרן האָט ער געזאָגט טהור טהור. און צום סוף **דער רמב"ם פַּסְקְ'נט גאָר אז טמא,** ער פַּסְקְ'נט גאָרנישט אַזוי.

KolSatmar.com

**צג**

ולכאורה הלא הקב"ה כתב את התורה, ולמה לא הכריעו במתיבתא דרקיעא כהקב"ה שאמר טהור.
אלא על כרחך, דאף מי שכתב הדין אינו יכול להכריע אח"כ יותר משאר דיינים בספק שנפלה בכוונת הפסק דין

**על כל פנים, הקדוש ברוך הוא איז מחולק** [געוועזן] **מיט מתיבתא דרקיע, וויאַזוי דער פְּשַׁט איז** [במצות התורה].

**נו וויאַזוי קען מען מחולק זיין,** [והלא] **הקדוש ברוך הוא האָט דאָך געשריבן די תורה, איז דאָך אַודאי אַזוי געוועזן דער פְּשַׁט** [כדברי הקב"ה].

**אלא מאי מוז זיין, זאָגט מען מיט דעם** [אַז] **אפילו דער כּוֹתֵב פונעם פְּסַק אַליין** [וואָס] **ער גיט אַרויס,** [שוב אינו בידו להכריע אח"כ בפשט שנסתפקו בלשונו].

**אַזוי זאָגט דער מהר"ם** [מינץ].

**צד**

אלא שהחולקים על מהר"ם מינץ דחו ראיה זו, דשאני התם שכך צוה הקב"ה דתורה
לא בשמים היא, ולא יוכלו להכריע עוד שום הלכה אלא בבית דין שלמטה

**נאָר זיי קריגן אויף אים** [המהר"א יצחקי ז"ל, כמובא בפתחי תשובה שם], **זיי זאָגן ס'איז נישט קיין ראיה** [מדברי הגמרא בבבא מציעא, ווייל] **וואָס הייסט, אַ ספק ביי כביכול איז דאָך נישטאָ,** [ואם כן אין המדובר שם על ענין נאמנות ופשיטת ספק כלל]. **נאָר וואָס דען,** [הכוונה שם הוא כי] **דער בורא כל עולמים האָט איבערגעגעבן די תורה הקדושה** [פאַר אידן, להכריע בכל ספק] **וויאַזוי די חַכְמֵי הַדּוֹר וועלן פַּסְקֶ'נען. דאָס איז אַן עקסטערע זאַך** [ואינו דומה לדיין שכתב פְּסַק ועדיין היא עתה למטה בארץ להכריע ההלכה].

**זאָגן זיי טַעֲמִים** [על מה שהוצרכו לשמוע ממתיבתא דארעא דוקא].

**צה**

ועכ"פ להלכה פסק הרמ"א דאף הכותב בעצמו אינו יוכל להכריע בכוונת הפסק דין, יותר משאר דיינים

**על כל פנים וויל מען פון דאָרטן זאָגן** [כמה פוסקים, ובתוכם הרמ"א], **אַז אפילו דער כּוֹתֵב** [אינו נאמן איך לפרש דבריו, יותר משאר דיינים].

**צו**

**עוד הקדמה לישוב קושיא יז**

בישמח משה פרשת קרח (במקום אחר) מבאר ענין פלוגתת משה וקרח, שנחלקו בכוונת הפסוק וְכִהֲנוּ "לִי",
דמשה רבינו היה מפרש דהכוונה "לִי" לעולם, וא"כ הכהונה הוא ירושה רק לאהרן ולבניו, וקרח היה מפרש
דהכוונה "לִי" לשמי, וא"כ אינו מוכרח שתהיה הכהונה מזרעו של אהרן דייקא

[מיט דעם] **וועל מיר צוקומען צום ענין.**

---

פרעגט דער **כסף משנה**, פאַרוואָס פַּסְקֶ'נט ער נישט אַזוי [כמו שפסק הקב"ה]. **זאָגט ער, ווייל תורה לא בשמים היא. איי רבה בר נחמני** [פְּסַק גם כן דטהור], רבה בר נחמני ווייל ס'איז געוועזן בְּשְׁעַת'ן הסתלקות, בשעת יציאת נשמה, הייסט עס שוין ווי תורה לא בשמים הוא, מ'מוז שוין נישט הערן. אַזוי זאָגט דער **כסף משנה**.

נאָר אין **חתם סופר** איז דאָ דאָרט אין די **לעצטע תשובה** אין **אורח חיים** (סימן רח, ד"ה והנה רום מכ"ת), **זאָגט** ער [על דברי הכסף משנה, אז] ס'איז א דבר חדש, [שהרי] ס'איז דעך דאָך גיוועגדט צי ער האָט עס געזאָגט אויף 'דעם' עולם. זאָגט ער אַן אַנדערן טעם [פאַרוואָס] קאָן זיין אז ס'איז בכלל תורה לא בשמים הוא, ווייל קיינער איז דאָך נישט געוועזן ביי דעם, ווען רבה בר נחמני איז נסתלק געוואָרן. דאָס איז מען דאָך הערשט געוואָר געוואָרן שפּעטער פון א בת קול, מ'האָט דאָך נישט געוואוסט [דערפון בשעת מעשה, כמבואר בגמרא שם]. און אז קיינער איז נישט געווען, פון וואַנעט האָט מען געוואוסט אז ער האָט געזאָגט טָהוֹר, מוז דאָך זיין אז ס'איז געווען א ידיעה דורך אֵלִיָּהוּ'ן, און דאָס הייסט שוין תורה לא בשמים היא, 'די' ידיעה. אַזוי זאָגט ער דאָרט דער **חתם סופר**.

איך האָב שוין געזאָגט אין דעם ענין, הגם ס'איז אין פלוג גאַנץ אַן אַנדער ענין, איך וועל נישט מאריך זיין אין דעם פרט היצטערט. (ועיין בדברי יואל פרשת ברכה, עמוד רא).

[דהנה] ס׳שטייט אין **ישמח משה** [בפסוק] **בֹּקֶר וְיֹדַע ה׳ אֶת אֲשֶׁר לוֹ**[מט] (טז, ה), [ופירש״י] **גבולות** [חלק הקב״ה בעולמו, יכולים אתם להפוך בקר לערב, כן תוכלו לבטל את זו].

**איך וועל זאָגן דאָ בקיצור, ער זאָגט באריכות, ער פירט דאָרטן אַ גאַנצן פלפול,** [דבפסוק] **וְהָיוּ ״לִי״ הַלְוִיִּם**[נ] (במדבר ג, מה), **איך קען זאָגן** [דערין] **צוויי פְּשָׁטִים, איך קאָן זאָגן ״לִי״ לשמי, און איך קען זאָגן ״לִי״ אויף אייביג,** [וכמו שאמרו במדרש] (ויקרא רבה ב, ב) **כל מקום שנאמר ״לִי״ איז לעולם.**

**צז**

וזה תלוי באם מותר לקיים תורה ומצות ״שלא לשמה״, שיש בזה סתירות בין הזוהר והגמרא

[און אויך] **אין דעם איז אַ פלוגתא, צי מ׳מעג לערנען שלא לשמה. דער זוהר הקדוש זאָגט** (בראשית יב:) **זעט אויס אַז ניין, און אין די גמרא אין בבלי** (פסחים ח. ועוד) [וכן בירושלמי (ברכות פ״ח ה״ו)] **זעט אויס אַז יאָ.**

**ברענגט ער אַן עיר בנימין** (על אגדות הירושלמי, ברכות שם)**, ער ברענגט אַן אריכות דאָרטן, אַ גאַנצן פלפול. זאָגט ער ס׳איז גיווענדט** [מחלוקת קרח] **אין דער פלוגתא** [שבין הזוהר והגמרא].

---

[מט] **בישמח משה** פרשת קרח: **בֹּקֶר וְיֹדַע ה׳ אֶת אֲשֶׁר לוֹ. ברש״י,** אם תוכלו להפך מבקר לערב וכו׳, וַיַּבְדֵּל בֵּין הָאוֹר וכו׳ וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר (בראשית א, ד-ה), כך וַיִּבָּדֵל אַהֲרֹן לְהַקְדִּישׁוֹ (דברי הימים א׳ כג, יג), עד כאן. וכן הוא **במדרש** (תנחומא קרח סימן ה).

ונראה לי לבאר על פי דברי **העיר בנימין** בירושלמי (ברכות פ״ח, סימן ד׳), ותורף דבריו בקצרה, דהנה **בירושלמי** (שם, ה״ו) איתא דאין מברכין על הנר במוצאי שבת עד שיאותו לאורו, ודריש לה מקרא דכתיב (בראשית א, ג) וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב, ואחר כך וַיַּבְדֵּל וגו׳, והיינו הבדלה ממש. ולא ס״ל **כפירוש רש״י** (בראשית שם) דפירש וַיַּרְא אֱלֹקִים וגו׳ וַיַּבְדֵּל וגו׳, ראה שאין העולם כדאי להשתמש באור ההוא, וגנזו לצדיקים לעתיד לבוא, דהיינו **כפירוש הזוהר** בפרשת בראשית (מה:) דפירש דהאור מרמז על מרבית השפע והצלחת עולם הזה, והיינו ראה שאין העולם כדאי להשתמש בו, רצ״ל דאם יעבדו על מנת לקבל פרס, לא יהיה העבדות בבחינת אהבה שלימה רק בשביל טוב עולם הזה, ורצה הקב״ה לזכות את ישראל שיהיה עבודתן רק צורך גבוה בחינת אהבה גמורה, ולזה גנזו וכו׳. **והירושלמי** הנ״ל סובר דמותר לעבוד על מנת לקבל פרס, וכדאיתא [גם] **בגמרא** [בבלי] (פסחים ח.) האומר סלע זו לצדקה בשביל שיחיה בני הרי זה צדיק גמור. והא דאמרינן (אבות א, ג) אל תהיו כעבדים המשמשים על מנת וכו׳, איירי באומות העולם דוקא, שתוהים על הראשונות, עיין שם [בעיר בנימין] באורך.

ועיין שם עוד מה שהביא שני מדרשי רז״ל, **דבתנחומא** (תרומה סימן א, ועי׳ במדבר רבה ד, ה) **דריש דבכל מקום** שנאמר ״לִי״, [כגון] וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ (תרומה כה, ח), **דרשינן לִי לשמי.** ובמקום אחר איתא (תנחומא שם סימן ג. ויקרא רבה ב, ב) דכל מקום שנאמר ״לִי״, פירושו **לעולם.** ופירש הגאון הנ״ל דמחולקים **בפירוש הזוהר והירושלמי** הנ״ל, דמאן דס״ל **לי לשמי,** ס״ל כפירוש הזוהר דגם בישראל אסור על מנת לקבל פרס, רק לשמו יתברך דוקא, ולזה דריש לי ״לשמי״. והמאן דאמר דסובר דלי משמעו **לעולם,** ס״ל דמותר לעבוד גם בשביל הנאת עצמו כנ״ל, ולכך לא דריש לי לשמי, רק **לעולם.** היוצא מדבריו שם, דאם הוי הבדלה ממש, אם כן נדרש ״לִי״ קיים **לעולם,** ואי קאי על גניזת אור, אם כן נדרש ״לִי״ **לשמי,** עיין שם.

ועל פי זה מבואר כאן [דברי רש״י], **אם תוכלו להפוך** וכו׳, אם כן ממילא לא יתפרש הבדלה ממש על גבולות שחלק, רק על גניזת האור, אם כן הפסוק (תצוה כח, מא) **וְכִהֲנוּ** ״לִי״, גם כן לא יתפרש קיום לעולם, אם כן תוכלו לשנות. אבל כיון שאין אתם יכולים להפוך, אם כן על כרחך הוי הבדלה ממש, אם כן **כך וַיִּבָּדֵל אַהֲרֹן** אין אתם יכולים לשנות, דלפי זה **וְכִהֲנוּ** ״לִי״ הוי פירושו **קיים לעולם,** והבן כי נכון הוא בס״ד.

[נ] עיקר הכוונה על הפסוק **וְכִהֲנוּ** ״לִי״, דמיירי בכהנים, וכמו שהזכיר בהיש״מ דלעיל. ועיין **בישמח משה** פרשת במדבר (ד״ה קח את הלוים) מה שמפרש גם בפסוק **וְהָיוּ** ״לִי״ **הַלְוִיִּם,** דפירושו קיים לעולם. ורבינו מביאו בכ״מ לענין הפסוק וְהָיוּ ״לִי״ הַלְוִיִּם, ומשיגרא דלישנא נקט גם כאן פסוק זה.

ועיין **בתנחומא** תרומה (סימן ג): כל דבר שאמר הקב״ה בתורה ״לִי״ ישנו בעולם הזה ולעולם הבא, כיצד וְהָאָרֶץ לֹא תִמָּכֵר לִצְמִתֻת כִּי ״לִי״ הָאָרֶץ (בהר כה, כג), בעולם הזה ולעולם הבא. כִּי ״לִי״ כָּל בְּכוֹר (במדבר ג, יג), בעולם הזה ולעולם הבא, **וְהָיוּ לִי הַלְוִיִּם** (שם, יג ומה), לעולם הזה ולעולם הבא. ישראל דכתיב (יתרו יט, ו) וְאַתֶּם תִּהְיוּ ״לִי״ מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים, בעוה״ז ולעה״ב. וְיִקְחוּ ״לִי״ [תְּרוּמָה] (תרומה כה, ב), בעולם הזה ולעולם הבא.

### צח

וקרח היה סבור שאסור ללמוד תורה ולקיים מצות שלא לשמה, אבל משה רבינו סבור דמותר גם שלא לשמה, ולכן לא היה מפרש דהכוונה "לִי" לשמי, אלא הכוונה "לִי" לעולם

קרח האָט געלערנט אַזוי ווי דעת הזוהר, אַז מ׳טאָר נישט שלא לשמה, ממילא איז לִי איז טייטש "לִשְׁמִי" [ואין פירושו "לעולם"], איז נישט געדרינגען אַז ס׳איז אַ "נצחיות" [לעולם, ענין הכהונה לאהרן ובניו], איז עס נאָר געווען אויף ׳דערווייל׳.

[אָבער] משה רבינו האָט געזאָגט ניין, אַז לִי איז נישט טייטש "לִשְׁמִי", ס׳איז נישט דירעקט קיין ציווי אַז ס׳מוז זיין לשמה [כי לעולם יעסוק אדם בתורה ומצות אף שלא לשמה, וכדעת הגמרא], און דער לִי איז נאָר טייטש "אויף אייביג".

אַזוי ברענגט ער דאָרטן באריכות לפי דרכו.

### צט

[וגם ענין] וַיַּבְדֵּל ה׳ [בֵּין הָאוֹר וּבֵין הַחֹשֶׁךְ, שמביא כאן רש"י בפסוק הנזכר (לעיל באות צו)], טייטשט ער מיט דעם, ס׳איז נישט קיין נפקא מינה [לענינינו], ער זאָגט באריכות[נא].

דער תמצית איז דאָס, זיי האָבן געקריגט אין דעם פְּשַׁט פונעם "לִי" [אם הכוונה "לעולם" או הכוונה "לשמי"].

[אַזוי] זאָגט דער ישמח משה.

### ק
### ישוב קושיא ב

קרח שפיר האמין בנבואתו של משה, שנאמרה הציווי בלשון "לי"

לפי זה, היצט איז אַזוי.

ער [קרח] האָט געגלייבט אין די נבואה פון משה רבינו, פון דעם איז נישטאָ וואָס צו רעדן. און אַז דאָס איז אֱמֶת [כנבואת משה, אז] דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט וְהָיוּ "לִי" הַלְוִיִּם.

### קא

אלא דהיה סבור דלענין אמירת הפשט בלשון הציווי, בזה יכולין לחלוק על משה. וכמו שנחלקו במתיבתא דרקיע לענין ספק בהרת קדמה דטמא, אף שהקב"ה אמר טהור.

נאָר דערנאָכדעם, דעם פְּשַׁט וואָס ער [משה רבינו] האָט געוואָלט זאָגן [בתיבת "לי", דפירושו "לעולם", על זה חלק קרח. שהרי אפילו] אַז הקדוש ברוך הוא אַליין איז אַמאָל מחולק מיט מתיבתא דרקיע, ׳זיי׳ זאָגן אַנדערש פְּשַׁט [במתיבתא דרקיע] אין די דיבורים וואָס דער ׳בורא כל עולמים׳ האָט געזאָגט, און מ׳הייסט פרעגן רבה בר נחמני׳ן, [על דרך זה] האָט ער דאָ מְפַלְפֵּל געווען אויף דעם [קרח על דברי משה], אַז דער פְּשַׁט איז נישט אַזוי ווי דו זאָגסט.

[וטען למשה רבינו], טאַקע אֱמֶת דו האָסט עס געהערט פון הקדוש ברוך הוא, איך בין נישט חולק אויף דעם [על אמיתת נבואתך. נאָר] דער פְּשַׁט איז נישט אַזוי ווי דו, דער "לִי" איז נישט אַזוי טייטש.

---

[נא] ועיין זה לעיל בהערה מט.

## קב
### ישוב קושיא יז (באופן ראשון)

והפשט של קרח היה תלוי באם אסור ללמוד ״שלא לשמה״. ומהיכן לקח ראיה לסברתו, מן פרשת פרה אדומה, דנרמז בה שהגזירת מיתה הוא מוכרח, בכדי שיהיה עצה שלא יעסקו בתורה ומצות תמיד שלא לשמה

וויאַזוי איז געדרינגעגן [מהיכן לקח קרח ראיה לסברתו]?

דאָס איז דאָך גיוועגדט צי מ׳מעג לערנען שלא לשמה, צי ניין. [וכמבואר בדברי הישמח משה דלעיל (באות צו-צט)].

## קג

נו פון פרשת פָּרָה אֲדוּמָּה האָט ער געזען [אַז] ס׳איז דאָ אַ גזירת מיתה, ס׳איז פאַרפאַלן, [ואפילו לצדיק].

[און] פאַרוואָס איז דאָס? איז דאָך אַזוי ווי ער זאָגט [בהמדרש, בהתשובה למלאכי השרת, כי] מִקְרֶה אֶחָד לַצַּדִּיק וְלָרָשָׁע. [און] פאַרוואָס [איז עס]? כדי ס׳זאָל נישט זיין שלא לשמה, ווי דער מדרש רבה זאָגט [בפרשת בראשית].

דעם פְּשַׁט האָט ער [קרח] נישט געלערנט, דעם פִּלְפּוּל וואָס איך האָב פריער געזאָגט [דלעולם מותר ללמוד אף שלא לשמה, אבל רק באופן כשיש מציאות להגיע לידי לשמה, ע״י הזכרת יום המיתה שמסלק הפניות והתאוות].

[ולכן] האָט ער [קרח] געזען פון די פרשת פָּרָה אֲדוּמָּה, האָט ער געזען ס׳איז דאָ מיתה, און דאָס איז נאָר פאַרדעם ווייל ס׳איז אסור שלא לשמה.

[וממילא] אַז ס׳איז אסור שלא לשמה, קאָן דאָך טייטש זיין [אַז] דער ״לִי״ מיינט מען לשמה [לִי ״לשמי״. וממילא] איז שוין נישט געדרינגען [דפירושו לִי] ״לעולם״. איבערדעם האָט ער געקריגט [לומר שכתר כהונה אינה בירושה, וכמו כתר תורה שאינה בירושה, ואם כן אף שניתנה הכהונה לאהרן, אינו מוכרח שיהיה בירושה גם לבניו].

## קד

ולזה אמרו במדרש מה ראה קרח לחלוק על משה, פרשת פָּרָה אֲדוּמָּה ראה, דמשם הביא ראיה להפשט שלו, דפירוש הציווי בלשון ״לי״, הכוונה ״לי לשמי״ דייקא, ואם כן אין הכוונה ״לי לעולם״, וכתר כהונה אינה בירושה

זאָגט ער מה ראה קרח לחלוק על משה, פרשת פָּרָה אֲדוּמָּה ראה, און אין פרשת פָּרָה אֲדוּמָּה דאָרט האָט ער געטראָפן ׳זיין שיטה׳ אַז דער פְּשַׁט איז אַזוי, דער לִי איז טייטש אַז לִי ״לשמי״. אַזוי ווי דער ישמח משה זאָגט דאָרטן לפי דרכו [שבזה היה תלוי פלוגתת קרח על משה].

## קה

[והישמח משה] ער גייט לְפִי דַרְכּוֹ, ער זאָגט עפּעס אַנדערש מיט דעם, אָבער דאָס איז דער יסוד דאָרטן צו זיין דרוש. [ועל דרך זה] ממילא על כל פנים זאָג איך, זאָג איך לפי זה איז די זעלבע זאַך דאָ ביי דעם [לפי דרכינו] אין דעם מה ראה קרח, פרשת פָּרָה אֲדוּמָּה ראה, ׳איבערדעם׳ האָט ער געקריגט.

איבערדעם איז רעכט, [ווייל] אין פרשת פָּרָה אֲדוּמָּה האָט ער געטראָפן אַז ער קען חולק זיין אויף משה רבינו, ווייל דער פְּשַׁט [לדעתו] איז נישט אַזוי [בתיבת ״לי״ דהוא ״לעולם״, אלא הפירוש הוא לי ״לשמי״].

### קמז

## המשך ישוב הקושיות בפרשת פָּרָה אֲדוּמָּה

### הקדמה לישוב קושיא יז (באופן שני), ולישוב קושיא יח-יט
(עד אחר אות קנח)

**נאָר לאָמיר צוקומען צו וואָס איך האָב אָנגעהויבן** [בביאור פרשת פרה אדומה, ליישב יתר הדקדוקים].

**דאָס ענין דערפון לכאורה קען נאָך זיין** [באופן אחר לבאר דברי המדרש] **מה ראה קרח לחלוק על משה, פרשת פָּרָה אֲדוּמָּה ראה.** (סיום הענין בישוב קושיא יז-יט, באות קעד ואילך)

### קמח

### הקדמה לישוב קושיא ו-ח (עד אחר אות קנו)

### [קושיא טז]

האיך כתב רש"י בשם רבי משה הדרשן, דטעם פרה הוא לכפר על חטא העגל. והלא עוד במרה כבר נצטוו על הפרה, ואז עדיין לא חטאו בעגל

**דער זיידע זכרונו לברכה אין ישמח משה פרעגט אויך דערויף**[נב]**, אויף דעם וואָס שטייט** [ברש"י בשם ר' משה הדרשן] **אַז די פָּרָה אֲדוּמָּה איז געקומען** [צו] **מְכַפֵּר זיין** [אויפן] **חטא העגל,** [דלכאורה] **מ'האָט דאָך געגעבן** [מצות פרה נאָך] **אין מָרָה, און מָרָה איז דאָך נאָך געווען 'פאַרן' חטא העגל.**

### קמט

**זאָגט ער** [לתרץ, אז ס'איז געווען] **על שם העתיד**[נג]**, דער אייבערשטער האָט באַשאַפן די רְפוּאָה פאַר די מַכָּה.** [אמנם לדרכינו יבואר זה בדרך פשוט, כדלהלן בהמשך הענין].

### קנ

### [קושיא יג]

ועוד צ"ב על דברי ר' משה הדרשן דפרה באה לכפר על חטא העגל, דמשמע דאם לא היו חוטאין בעגל לא היו מצווים על מצות פרה אדומה, וקשה דהלא פרה אדומה הוא בכלל מנין תרי"ג מצות, אשר הם מוכרחים נגד רמ"ח איברים ושס"ה גידים רוחניים של הנשמה, ואי אפשר שתחסר מצוה אחת מהתרי"ג מצות. ואין סברא דשלימות התורה בתרי"ג מצות יהיה תלוי בחטא העגל

**נאָר איך האָב אָבער מִתְבּוֹנֵן געווען אינעם ענין,** [דלכאורה קשה עוד על דברי ר' משה הדרשן, כי הלא] **פָּרָה אֲדוּמָּה איז דאָך איינס פון די תרי"ג מצות.**

[און] **דער כלל איז**[נד]**, די רמ"ח עשין** [און] **די שס"ה לא תעשין זענען דאָך קעגן די** [רמ"ח] **איברים** [ושס"ה גידים רוחניים, של הנשמה].

---

[נב] **בישמח משה בפרשתן** (ד"ה ויקחו אליך): **כי הנה טעם הפרה נגלה שמקנחת צואת בנה. אך הקשו המפרשים הלא במרה נצטוו, כמו שדרשו רז"ל** (במכילתא עה"פ) [שָׁם שָׂם לוֹ] **חֹק** (בשלח טו, כה) **זה פרה, והיה קודם העגל.**

[נג] **בישמח משה שם: אך נראה לי, כי באמת זה דרכו יתברך** (מגילה יג:), **הקדים רפואה למכה. והנה חכמתו של יוצר בראשית שלא לבטל בחירה, וידוע דידיעתו אינה מוכרחת ואמירתו מוכרחת, כמו שפירשו** (אלשיך בהעלותך יא, כה) [דברי הגמרא] (נדה טז:) **ואילו צדיק ורשע לא קאמר. ולכך אז נצטוו עליה ונאמרה פרשה זו, כי אין מוקדם ומאוחר בתורה, והיתה חקה, כי אי אפשר לגלות הטעם אז. והיינו "שָׁם" שָׂם לוֹ חֹק, דלכאורה תיבת "שָׁם" מיותר, רק דרצה לומר דשם 'במרה' היה חֹק** [ולא אחר כך], **וזה כוונת רז"ל** (במכילתא שם) **חֹק זה פרה אדומה, והבן.**

[נד] **בזוהר הקדוש** (ח"ג קי:): **וּבְגִין דָּא יָהִיב לוֹן אוֹרַיְיתָא מִשְּׁמֵיהּ. זֶה שְּׁמִי לְעֹלָם וְזֶה זִכְרִי לְדֹר דֹּר** (שמות ג, טו), **וְהָא אוֹקְמוּהָ, י"ק עִם שְׁמִי, שס"ה. ו"ק עִם זִכְרִי, רמ"ח. בְּכָל מִצְוָה וּמִצְוָה, קָשִׁיר לוֹן לְיִשְׂרָאֵל בִּשְׁמֵיהּ, לְמֶהֱוֵי כָּל אֵבֶר וְאֵבֶר דִּלְהוֹן חוּלָק עַדְבֵיהּ וְאַחֲסַנְתֵּיהּ.** [וכעין זה איתא עוד בזוהר בכ"מ. והאריכו בזה בכמה ספרי קודש].

**קנא**

**ער דער שפע טל**[נה] **אין די הקדמה ברענגט**[נו]**, ער איז מאריך** [דערין, שעל זה נאמר] **נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם** (משלי כ, כז)**, די תורה הקדושה איז אַקעגן די נשמה,** [און] **די תורה איז קדמה לעולם.**

**אַזוי ווי די נְשָׁמָה איז צוזאַמגעשטעלט מיט רמ"ח אֵיבָרִים** [און] **מיט שס"ה גִּידִין** [רוחניים]**, אַזוי איז די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה צוזאַמגעשטעלט** [מיט] **רמ"ח עשין און שס"ה לא תעשין. יעדע מִצְוָה האָט אַן אַנדער אֵבֶר** [המכוון נגדו]**, און יעדע לֹא תַעֲשֶׂה** [האָט] **אַן אַנדערן גִּיד.** – [עד כאן דברי השפע טל][נז]**.**

---

[נה] להגאון ר' שבתי שעפטל הורוויץ זצ"ל, מבני דורו ומשפחתו של השל"ה הקדוש והוא גם בין המסכימים להספר בשנת שע"ב. הספר הוא על דרך הסוד.

[נו] **בשפע טל** נדפס הקדמה ארוכה בשם **הקדמה בן מאה שנה** (עיי"ש טעמו), והוסיף שם גם כמה דברים בהג"ה. ובהקדמה זו האריך שם בענין רוממות נשמות ישראל שהם חלק אלוק ממעל, ובתכלית ירידת הנשמה לעולם הזה לסגל מצות ומעשים טובים, בכדי שיקנה לבושין להנשמה ולא יהיה לה נהמא דכסופא כשתהנה מזיו השכינה בעולם העליון, עיי"ש באורך.

ובתחלת ההקדמה כתב וזל"ק: ידוע שהנשמות של האומה הישראלית הם חלק אלוק ממעל, אשר על זה רמז הפסוק כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ (האזינו לב, ט), רצ"ל חלק ממש, כחלק שנחלק מאיזה דבר שהוא שוה ודומה בעינו לאותו דבר שנחלק ממנו וכו', כמו כן וכו' הוא יתעלה ויתברך הוא ה'כל', הוא האור הכולל, האור הגדול הבלתי סוף הבלתי תכלית, והנשמה היא חלק אור וניצוץ שנחלק מהאור הגדול ב"ה וברוך שמו, וכמאמר שלמה המלך ע"ה **נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם**, רצ"ל הנשמה של אדם היא נר וניצוץ מאור אלקים, ודקדק בלשונו לומר "נר" אלקים, ולא אמר "אור" אלקים, כדי לרמוז שהנשמה בשלשה מדריגותיה שהם נפש רוח נשמה, כולם הם חלק וניצוץ מאור אלקים, וזה נרמז בלשון נר אלקים, כי "נר" נוטריקון "נפש רוח" ורצ"ל הנפש והרוח והנשמה שהם ג' מדריגות בנשמה, הם כולם ניצוצות קדושות מאור אלקים והיינו **נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם**.

ועתה שמע בני פלאות חכמה מתורת אלקינו וכו', ידוע ליודעי חן הקבלה שהאצילות ברוך הוא שהוא שמו של הקב"ה מלך מלכי המלכים וכו', הוא כלול מרמ"ח מצות עשה ושס"ה לא תעשה, והרמז לזה זֶה שְּׁמִי לְעֹלָם וְזֶה זִכְרִי לְדֹר דֹּר (שמות ג, טו), תצרף מספר "שמי" למספר חצי השם הוי"ה שהוא י' ה' ותמצא מספר שס"ה, שהוא חלק אחד מהמצות שהם שס"ה מצות לא תעשה. תצרף מספר "זכרי" לחצי השם הנשאר מן הוי"ה שהוא ו' ה', ותמצא מספר רמ"ח שהוא חלק שני מהמצות שהם רמ"ח מצות עשה, שבין כולם תרי"ג. הנה הראיתיך לדעת שהאצילות הקדוש והטהור שהוא שמו של הקב"ה וכו' הוא כלול מרמ"ח ושס"ה וכו', כי האצילות הכלול מתרי"ג הם תרי"ג מצות רוחניות, תרי"ג אורות רוחניות, שהן אורות נעלמות מהשגת השכל להשכיל ולדעת בהם מה מהותם, כי אין להם מהות גופני ולא איכות גשמי כי נתעלו מהחסרון הגשמי ומהפחיתות הגופני עילוי רב ועצום אשר לא יסופר ולא ישוער בהשערת והשגת השכל הגשמי הגופני וכו'.

ועתה בני וכו' כבר הודענוך כי הנשמה היא חלק אלוק ממעל וכו' הנה מטעם זה לגודל ועוצם דמיונם תדמה הנשמה לו יתעלה ויתברך שמו בשגם היא כלולה מתרי"ג [אורות] כמו הכלל שנחלקה ממנו וכו' בשגם היא כלולה מתרי"ג כמו שהאצילות ברוך הוא כלול מתרי"ג וכו'. ועתה בני אחרי שהודענוך סוד זה הנה תדע כי אלו תרי"ג שהנשמה כלולה מהם, הם תרי"ג איבריה וגידיה הרוחניים, כי איברי הנשמה הם רמ"ח איברים לבנים שנחלקו ונחצבו מרמ"ח מצות עשה שבאצילות, שהם אורות רוחניים לבנים, בסוד מדת הרחמים מטה כלפי חסד, בסוד רמ"ח שהם אותיות "רַחֵם", לרחם ולהלבין עונותיהם של ישראל וכו', וגידיה של הנשמה הם שס"ה גידים רוחניים אדומים, שנחלקו ונחצבו משס"ה מצות לא תעשה שבאצילות, שהם אורות רוחניים אדומים בסוד מדת הדין מטה כלפי הדין וכו'.

ועתה בני אחרי שהודענוך סוד זה הנה תדע כי הנשמה להיותה כלולה מרמ"ח איברים לבנים ושס"ה גידים אדומים רוחניים, הנה היא מתלבשת בגוף האדם, כענין שאמר איוב (י, יא) עוֹר וּבָשָׂר תַּלְבִּישֵׁנִי וּבַעֲצָמוֹת וְגִידִים תְּשֹׂכְכֵנִי, בצלמה ודמותה בדפוס העשוי לה בלבוש רמ"ח איברים לבנים גופניים, שהם העצמות שבגוף האדם שהם לבנים, ובשס"ה גידים אדומים גופניים, שהם הגידים שבגוף האדם שהם מלאים דם שהם אדומים, כי הלבוש צריך שיעשה בדפוס ודמות הלובשו. ואתה בן אדם אם בעל נפש אתה בין תבין את אשר לפניך, אם העור והבשר הם הלבוש, והעצמות והגידים הם הסכך, צא וראה בעין שכלך להבין ולהשכיל מי הוא האדם, כי בודאי הפנימי שהיא הנשמה היא הנקראת אדם באמת, והיא העיקר הנקרא אדם ברמ"ח האיברים ושס"ה הגידים הרוחניים הנעלמים, והעור והבשר הנגלים הם הלבוש שמלבישין את האדם הנעלם, והעצמות והגידים הנגלים הם הם הסכך שמסככין על האדם הנעלם, ואם כן הגוף הוא הלבוש החופף על האדם הנעלם, שהיא הנשמה הנעלמה הנקראת אדם באמת, בכלל רמ"ח איברים ושס"ה גידים רוחניים וכו'.

[נז] ועיין עוד בענין זה בספר **שערי קדושה** (למהרח"ו, בהקדמה).

**קנב**

איז דאָך דאָס אַ **חִיוּבִית**, מוז דאָך זיין [בהכרח כל] **תַּרְיַ"ג מִצְוֹת**, [ואם כן גם] **די פָּרָה אֲדוּמָה** איז דאָך געווען אַ הכרח [בכל אופן להשלמת תרי"ג מצות, ואם כן] **וואָס העט געווען** ווען נישט דער חטא העגל, לכאורה האָט מען נישט געדאַרפט די פָּרָה אֲדוּמָה, האָט דאָך גיווען געפעלט פון די מִצְוֹת, איז דאָך נישט **תּוֹרַת ה' 'תְּמִימָה'** (תהלים יט, ח), ווייל ס'פעלט דאָך, ס'פעלט אין **תרי"ג מצות**.

ס'טאָר דאָך נישט פעלן פון די **תרי"ג מצות**.

קומט דאָך אויס, ווען נישט דער חטא העגל פעלט אַ **מִצְוָה**, איז דאָך די גאַנצע **מִצְוָה** [רק ע"י החטא], קומט אויס אַז דער **שלימות התורה** איז געוואָרן דורכן חטא העגל, ווייל ס'איז צוגעקומען **אַ מצוה**.

איז דאָך אויך אַ **פֶּלֶא**, ס'קען דאָך נישט זיין, [שהרי] דאָך מ'נעמט נישט צי קיין בחירה [שהיה בידם שלא לעשות העגל]. **אפילו מ'האָט** [עס] **מן השמים געפירט**, [כמו שאמרן][נח] **לא היה ראוי** [ישראל לאותו מעשה] **אלא להורות תשובה**, אַלעס **אֱמֶת**, אָבער ס'קען דאָך **נישט זיין** [שלא יהיה בידם בחירה, ואין סברא ששלימות המצות יהא תלוי בחטאם].

**קנג**

**[הקדמה לישוב קושיא יג, וקושיא טז]**

גם בהקמת המשכן מצינו דבא לכפר על חטא העגל, וא"כ גם שם יש להקשות וכי אם לא היו עושין העגל לא היו בונין המשכן, והלא הוא מכלל מנין התרי"ג מצות. וכן לעתיד כשיתוקן החטא לגמרי, ג"כ יהיה מצוה לבנות בית הבחירה

איבערדעם מיין איך אפשר.

פונקט אַזוי ווי [אויף] **דאָס משכן** שטייט[נט] [שאמר הקב"ה] **יבוא זהב ויכפר על זהב**, דאָס משכן האָט אויך מכפר געווען אויפן חטא העגל.

[וגם על זה יש להקשות] **נו ווען נישט דער חטא העגל, העט נישט געווען גיווען קיין משכן? אַ בית המקדש?**

[והלא כתיב] **וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם** (תרומה כה, ח), [ואמרו חכז"ל נתאוה להיות לו] **דירה בתחתונים**[ס], **דער בורא כל עולמים**.

**און לעתיד** [כשיתוקן לגמרי כל החטא, יהיה גם כן בית המקדש השלישי], **פאַרקערט** [שיהיה עוד גבוה ונשא עוד יותר], **אידן וועלן תשובה טון בשלימות, ס'וועט נישט זיין קיין שום חטא**, [וגם אָז] **וועט אַראָפּקומען אַ בַּיִת בָּנוּי וּמְשֻׁכְלָל מִלְמַעְלָה** (רש"י ותוספות סוכה מא.),

---

[נח] **בגמרא עבודה זרה** (ד:): אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי, לא דוד ראוי לאותו מעשה [דבת שבע], ולא ישראל ראוין לאותו מעשה [דהעגל]. **לא דוד ראוי לאותו מעשה**, דכתיב (תהלים קט, כב) וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי [פירש"י: יצר הרע חלל בקרבי ואין לו כח לשלוט בקרבי], **ולא ישראל ראויין לאותו מעשה**, דכתיב (ואתחנן ה, כו) מִי יִתֵּן וְהָיָה לְבָבָם זֶה לָהֶם לְיִרְאָה אֹתִי כָּל הַיָּמִים. אלא למה עשו, לומר לך [גזירת מלך היתה ליתן פתחון פה לשבים] **שאם חטא יחיד אומרים לו כלך אצל יחיד, ואם חטאו ציבור אומרים לו כלך אצל ציבור**.

[נט] **בשמות רבה** (נא, ח): כך ישראל נתנו זהב לעגל עד שאמר להם די, ונדבו זהב למשכן עד שאמר להם די, שנאמר (ויקהל לו, ז) וְהַמְּלָאכָה הָיְתָה דַיָּם לְכָל הַמְּלָאכָה לַעֲשׂוֹת אֹתָהּ וְהוֹתֵר. אמר הקב"ה, **יבא זהב המשכן ויכפר על זהב העגל**.

**ובתנחומא** (תרומה, ח): ואתה מוצא שביום הכפורים נתכפר להם, ובו ביום אמר לו הקדוש ב"ה ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, כדי שידעו כל האומות שנתכפר להם מעשה העגל. ולכך נקרא משכן העדות, שהוא עדות לכל באי העולם שהקב"ה שוכן במקדשכם. אמר הקב"ה, **יבא זהב שבמשכן ויכפר על זהב שנעשה בו העגל** שכתוב בו (תשא לב, ג) וַיִּתְפָּרְקוּ כָּל הָעָם אֶת נִזְמֵי הַזָּהָב וגו', ולכן מתכפרין בזהב וְזֹאת הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר תִּקְחוּ מֵאִתָּם זָהָב (תרומה כה, ג).

[ס] **בתנחומא** (נשא, טז): בשעה שברא הקב"ה את העולם, נתאוה שיהא לו דירה בתחתונים כמו שיש בעליונים.

[ואדרבה] **דאָס וועט זיין דער 'עיקר'** [בית המקדש][סא], **ווען מ'העט גיוועזן ראוי געוועזן** [היה יורד מאז בית בנוי ומשוכלל, וכמבור בזוהר הק' (פינחס רכא.)].

**אַ בנין בית המקדש, דאָס משכן, אַ מקום השראת השכינה, דאָס איז דאָך 'סיי ווי סיי'** [א מצוה, אף אם לא היו חוטאין].

**קנד**

ועל כרחך צ"ל דהמצוה שייך בכל אופן ואופן, אלא שלאחר שחטאו בעגל, הוא מסגולת המצוה גם לכפר על חטא העגל

[נאָר] **זעט אויס אַזוי. דער אֱמֶת, דאָס העט גיוועזן געוועזן סיי ווי סיי,** [ואדרבה לולי החטא היה זה] **נאָך גיכער.**

**נאָר מחמת ווייל מ'האָט געזינדיגט, האָט עס 'דעם' תכלית** [אויך]**. איז עס נישט אַזוי בִּשְׁלֵמוּת, האָט עס 'דעם' תכלית פון** [לכפר על חטא העגל].

**קנה**

**[ישוב קושיא יג, וקושיא טז]**

וכמו כן במצות פרה אדומה, יש בו עוד ענינים גבוהים, ועבור זה נתנה עוד במרה. אלא שמסגולת המצוה יש בו גם לכפר על חטא העגל, ולאחר שחטאו בעגל הוא לכוונה זו לכפר על חטא העגל

**אַזוי מוז זיין ביי די פָּרָה אֲדוּמָה** [אויך].

**ווען נישט דער חטא העגל העט אויך גיוועזן געוועזן אַ פָּרָה אֲדוּמָה, נאָר אויף אַן אַנדערע כוונה, אַ העכערע כוונה, העכערע זאַכן.** [און] **דורכן חטא העגל האָט עס 'דעס' תועלת** [לכפר על חטא העגל].

[וממילא מיושב גם קושית היש"מ שהקשה דהלא כבר במרה ניתנה, דבמרה נתנה לפי הכוונה וטעם העליון שאינו תלוי כלל בטעם כפרת חטא העגל, ורק לאחר החטא נתלה טעם פרה בכפרת החטא].

**קנו**

**[ישוב קושיא יד]**

למשה רבינו נגלה טעם המקורי של פרה אדומה, שהוא טעם העליון לענינים גבוהים. אבל לאחרים טעם עיקר המצוה הוא "חקה", שלא נגלה להם רק זה שבא לכפר על חטא העגל

**איבערדעם זאָגט ער** [שנאמר בה "חקה, וכדכתיב זאת "חקת" התורה ויקחו "אליך", ודרשו במדרש][סב] **לך אני מגלה טעם פרה "ולאחרים חקה".**

[דהנה לכאורה הרי] **לעולם שטייט דאָך אַ טַעַם** [הנגלה גם לאחרים]. **רבי משה הדרשן זאָגט דאָך אַ טַעַם, לכפר על חטא העגל.** [ואם כן שפיר נגלה גם לאחרים]

**נאָר משה רבינו,** [פאַר] **'אים' האָט מען געזאָגט שוין בסיני** [ובמרה] **די גאַנצע פרשה, און ער האָט געלערנט די תורה הקדושה פון פריער, ווייסט ער דעם טַעַם** [מאותה שעה] **ווען ס'העט נישט גיוועזן געוועזן קיין חטא העגל. און 'דעם' טַעַם** [שנתגלה למשה רבינו]**, דעס האָט מען שוין נישט מגלה געוועזן פאַר קיינעם.**

**קנז**

**ישוב קושיא ח**

השטן ואומות העולם מקשין "מה מצוה זו" שהם סוברים דהמצוה תלוי רק בהחטא, ומוסיפין לומר "מה טעם יש בה", כי הם רוצים להזכיר הטעם שבא עבור חטא העגל, כדי לעורר הזכרת החטא ח"ו

**דאָס איז דער פְּשַׁט** [בדברי רש"י]**, לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל מה 'מִצְוָה' זו, וואָס איז דער "מִצְוָה",** [שהרי לכאורה] **די 'מצוה' איז דאָך נאָר ווייל מ'האָט**

---

[סא] ועיין **בישמח משה ריש תצוה** (בפסוק כתית למאור), **ובויואל משה** (א, סב).

[סב] הובא להלן בהערה סג.

**געזינדיגט**, [ואם לא היה חטא העגל לא היה שייך המצוה] (וכסברת ההוה אמינא בקושיא יג, לעיל באות קנב).

[והם מוסיפין להסביר עוד קושייתם] **ומה 'טַעַם' יש בה, ווייל אינאיינוועגס זענען זיי מזכיר דעם חטא העגל,** [וואָס] **דעמאָלטס זעט מען דעם "טַעַם".**

**קנח**

**ישוב קושיא ז, וקושיא ו**

ולזה נצטוינו להשיב להם גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה, כי באמת יש בזה עוד טעם נשגב שיתגלה לנו לעתיד, אשר עבור זה כבר ניתנה במרה, ואינו בא רק בשביל חטא העגל בלבד

**זאָלסטו זיי ענטפערן** (כסברת התירוץ על קושיא יג באות קנה-קנו) **ס'איז נישט 'דאָס'** [דער טעם המצוה, נאָר] **לפיכך נאמר בה "חקה",** [ווייל באמת] **דאָס האָט 'אַנדערע' טעמים** [הנגלים רק למשה רבינו], **און ס'איז אַ "חק" אויסער 'דעם',** [מה שלנו לא נגלה אותו טעם].

**נאָר מחמת דורכן חטא איז דאָס** [כפרת העגל] **אויך געוואָרן אַ טַעַם, דער טַעַם איז נשתנה געוואָרן** [גם לכפרה]. **אָבער די "מִצְוָה" איז מְצֻוָּה געווען** [פון] **פריער** [במרה] **'אַזוי' אויכעט. און 'דעס'** [טעם המצוה שניתנה במרה] **איז שוין אַ "חק", דעס איז שוין טאַקע "בְּלִי טַעַם"** [הנגלה לנו].

[און] **דאָס וועט מען הערשט שפּעטער מְגַלֶּה זיין.**

[ווי] **ס'שטייט דברים שמכוסים מכם - זאָגט דער מדרש**[סג]**, יְקָרוֹת 'וְקִפָּאוֹן' שטייט אויף פָּרָה אֲדוּמָה** [ודרשו 'יקפאון' כתיב], - [יהיו] **צופים לעתיד לבוא. לעתיד לבוא וועט מען וויסן דעם 'ריכטיגן טַעַם' פון די פָּרָה אֲדוּמָה, וואָס היינט ווייסט מען נאָר 'דעם' ענין** [של כפרת חטא העגל].

**אָבער דאָס איז צוויי זאַכן.** [וזה שמשיבין] **לפיכך נאמר בה "חקה".**

**קנט**

**ישוב קושיא א**

[ולדרכינו יבואר מה שכתב רש"י דלעולם נקראת על שם משה], **פרה שעשה משה במדבר** (קושיא י). (ההמשך לזה באות קפב)

**קס**

כפל האמירות (בתיבת לֵאמֹר) מורה על בחינות שונות שיש בעשיית כמה פרות, ותלוי לפי שלימות הדור בהשגת התורה. ופרה הראשונה נעשה ע"י "משה ואהרן", ועל זה נאמר וַיְדַבֵּר ה' "אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן" לֵאמֹר

[ונבאר מקודם] **דעס וואָס ער זאָגט דאָ דעם לֵאמֹר** (קושיא א).

[ווייל] **באמת, ווען דאָס דור איז ראוי, מ'העט נישט גיווען געקלאַפּט מיטן שטעקן** [רק היה מדבר אל הסלע ליתן מימיו], **העט נישט געווען גיווען קיין קליפות** [המביאים קושיות בעסק התורה, רק הכל היה מבואר בלא קושיות] (וכמבואר לעיל באות קל-קלא בביאור ענין המי מריבה), **און משה רבינו העט נישט גיווען נסתלק געוואָרן** [אם לא היה החטא מי מריבה, וממילא] **העט נישט גיווען געווען קיין סאַך פָּרָה אֲדוּמָה'ס** [כי אז היה מספיק קדושת משה להמשיך עוד הברכה בהאפר פרה ביתר שאת] (וכמבואר לעיל באות פו-פט).

**איבערדעם שטייט דאָ עטליכע מאָל** [לֵאמֹר, ווייל] **ס'איז עטליכע אֲמִירוֹת.**

---

[סג] **בבמדבר רבה בפרשתן** (יט, ו): **וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָּרָה אֲדֻמָּה. אמר רבי יוסי ברבי חנינא, אמר לו הקב"ה למשה לך אני מגלה טעם פרה אבל לאחר חקה. דאמר רב הונא, כתיב** (תהלים עה, ג) **כִּי אֶקַּח מוֹעֵד אֲנִי מֵישָׁרִים אֶשְׁפֹּט, וכתיב** (זכריה יד) **וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא לֹא יִהְיֶה אוֹר יְקָרוֹת וְקִפָּאוֹן, יקפאון כתיב, דברים המכוסין מכם בעולם הזה עתידים להיות צופים לעולם הבא, כהדין סמיא דצפי** [=כעוור שנעשה רואה], **דכתיב** (ישעי' מב, טז) **וְהוֹלַכְתִּי עִוְרִים בְּדֶרֶךְ לֹא יָדָעוּ וכו'.**

### קסא

ס׳איז פאַרהאַנדן וַיְדַבֵּר ה׳ ״אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן״, אַזוי ווי זיי זענען געוועןביידע [בדורם], ווען ס׳בלייבט [ווען] ׳די׳ פָּרָה אֲדוּמָּה [הראשונה שעשו משה ואהרן במדבר].

ס׳איז אָבער פאַרהאַנדן אַז ס׳זאָל זיין אַסאַך פָּרָה אֲדוּמָּה׳ס חלילה, אַזוי ווי ס׳איז געווען טאַקע. [וכרמוז בוא״ו מוסיף של] ״וְיִקְחוּ״, [ויחזור] ויקחו, ווי איך האָב פריער געזאָגט (באות פז).

[ולכן] איז דאָס עטליכע אֲמִירוֹת, צוויי ערליי.

ס׳איז פאַרהאַנדן ׳אַזוי׳ [בבחינת פרה הראשונה. און ס׳איז פאַר פאַרהאַנדן ׳אַזוי׳, בבחינת שאר הפרות].

### קסב

**ישוב קושיא ד (באופן ב)**

ולזה נאמר זֹאת חֻקַּת ״הַתּוֹרָה״, לרמוז דהכל תלוי לפי שלימות מצב הדור בהשגת התורה

אָבער זֹאת חֻקַּת ״הַתּוֹרָה״ אֲשֶׁר צִוָּה ה׳, דאָס איז גיווענדט [אינעם מצב הדור, לויט וויאַזוי די ״תורה הקדושה״ איז בשלימות, [בכלליות התורה. כי היה תלוי בענין מי מריבה שהיה אח״כ, והיה עדיין תלוי אז בהבחירה].

### קסג

**ישוב קושיא ג**

ושוב אמר דַּבֵּר״ אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, בלשון יחיד, לרמוז כי רק פרה הראשונה נעשה ע״י ״משה ואהרן״, אבל שאר הפרות נעשו מהם ע״י אהרן לבד או ע״י משה לבד

און ס׳איז פאַרהאַנדן אַז ס׳איז נאָר ״דַּבֵּר״ אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל [בלשון יחיד, דהיינו משה לבד או אהרן לבד, ולא שניהם ביחד (וכדיבואר בסמוך)].

### קסד

כי פרה השניה נעשה ע״י אהרן לבד, כי עזרא הסופר היה גלגול מאהרן הכהן

[והכתוב רומז בזה, דהנה] למשל די צווייטע פרה האָט נאָר געמאַכט עזרא [הסופר], [און אויף] עזרא שטייט דאָך [אַז] אהרן הכהן איז נִתְגַּלְגֵּל געוואָרן אין עזרא[סד], עזרא איז געווען נשמת אהרן הכהן, [און] דעמאָלטס איז משה רבינו נישט געווען אויף דעם עולם.

### קסה

[ונמצא, ביי] די ערשטע פָּרָה אֲדוּמָּה זענען זיי געווען ׳ביידע׳, [ועל זה נאמר וַיְדַבֵּר ה׳] ״אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן״.

[און ביי] די צווייטע פרה האָט זיך אָנגעהויבן פון עזרא הסופר אָן, עזרא הסופר איז געווען אַליין [שהוא גלגול אהרן הכהן, ונמצא] איז געווען אהרן הכהן איז געווען, און משה רבינו איז דעמאָלטס נישט געווען, נאָר אהרן הכהן.

### קסו

ופרה העשירית יהיה נעשה ע״י מלך המשיח, שכלול בו נשמת משה רבינו

[און] לעתיד [בפרה העשירית] וועט צוריק זיין ווידער משה רבינו אַליין [מי שיתעסק ביי די לעצטע [פרה. ווייל] דער מלך המשיח שטייט דאָך אין זוהר (משפטים קכ. פנחס רמו. תצא

---

[סד] כן הוא במגלה עמוקות ואתחנן (אופן כח), גלגולי נשמות להרמ״ע (ערך ר׳ פנחס בן יאיר), מדרש תלפיות (ענף גלגולים, אות ע), וסדר הדורות (ג׳ אלפים ש״ע). [ועיין בספר עזרא (ז, א-ה)].

KolSatmar.com

רפ.) וועט אויך זיין משה רבינו, און דאָס וועט טאַקע משה רבינו אַליין טאַקע זיין [דער וואָס] וועט מאַכן די פָּרָה אֲדוּמָּה.

### קסז

איבערדעם זענען דאָס [די שינוי הלשונות], דאָ זאָגט ער נאָר לשון יחיד [״דַּבֵּר״ אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל].

ער הייבט אָן לשון רבים [אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן], אַזוי ווי [ס'איז געווען ביי] די ערשטע פרה. [אָבער ביי] די צווייטע פרה [און ווייטער] איז דאָ צוויי [ערליי אופנים, אבל הכל בלשון יחיד]. איין מאָל איז עס געווען אהרן הכהן (בימי עזרא), און נאָכדעם (לעתיד) איז משה רבינו אַליין.

### קסח

איבערדעם זאָגט ער נאָכאַמאָל דעם לֵאמֹר, און נאָכאַמאָל ״דַּבֵּר״ אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, נאָר ביחידות פאַר יעדן עקסטער [למשה לבד, ולאהרן לבד]. דאָס זענען די אַנדערע פָּרוֹת, וואָס מ'האָט געמאַכט נאָכדעם.

### קסט
### ישוב קושיא ב

[ומיושב גם כן למה לא נאמר ״״דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל״, קודם ״זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה״, אלא הקדים **זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה׳ לֵאמֹר**, ואחר כך נאמר **דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ**. כי מה שאמר זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה, הוא הקדמה לומר דאופן האמירה תלוי לפי מצב הדור בענין שמירת כל ״התורה״, אם הוא בשלימות הראוי (וכדלעיל באות קסב), דלפי זה יהיה הסוף שבפרות אחרות יהיה רק ״דַּבֵּר״ אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, בלשון יחיד. משא״כ אם היה הדור בשלימות, אז היה די בפרה הראשונה שעשה משה במדבר, שהיה הדיבור ע״י משה ואהרן שניהם ביחד, ולא היו צריכין לעולם לפרה אחרת שנעשה ע״י היחיד, משה או אהרן לבד].

### קע
### הקדמה לישוב קושיא יז (באופן שני)

במדרש: ביקש שלמה לידע טעם פרה אמר אָמַרְתִּי אֶחְכָּמָה וְהִיא רְחוֹקָה מִמֶּנִּי.
ולכאורה היה לו לומר שביקש לידע ״ולא ידע״, ולמה האריך שאמר אמרתי אחכמה וגו׳

ס'שטייט אין **ישמח משה**[סה] [לפרש דברי המדרש][סו] **ביקש שלמה לידע טעמה של פרה, אמר אָמַרְתִּי אֶחְכָּמָה וְהִיא רְחוֹקָה מִמֶּנִּי** (קהלת ז, כג).

[דלכאורה] וואָס זאָגט ער נישט ביקש שלמה לידע טעמה של פרה ״וְלֹא יָדַע״, ער האָט געוואָלט וויסן און ער האָט 'נישט געוואוסט', וואָס זאָגט ער עפּעס, וואָס דערציילט ער [שאמר] אֶחְכָּמָה [וְהִיא רְחוֹקָה מִמֶּנִּי].

---

[סה] **בישמח משה** (ריש פרשתן) בקושיתו: **להבין המדרש בקש שלמה לידע סודה של פרה אדומה, אמר אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני. דלפי פשוטו הוה ליה לומר בקש לידע ״ולא ידע״ אמר אמרתי וכו׳, ומדלא קאמר הכי, מכלל שידע, אם כן אמאי אמר והיא רחוקה ממני. - והנראה לי דבאמת ידע** [שלמה טעם פרה], **וזה שאמר אמרתי אחכמה וכו׳, בו רָמַז טעמו של פרה, וכמו שאבאר.** (ועיי״ש שמבאר בב׳ אופנים, ורבינו מביא כאן תירוצו באופן הב׳, והובא להלן בהערה סח).

[סו] עיקר הענין הוא **בבמדבר רבה** (יט, ג), אבל שם הוא בשינוי לשון [אמר שלמה על כל אלה עמדתי, ופרשה של פרה אדומה חקרתי ושאלתי ופשפשתי, אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני]. ובכמה ספרים שלאחר הישמח משה מובא המדרש בלשון של הישמח משה, וכן בייטב לב ובקדושת יום טוב ובדברי רבינו. וכפי הנראה שכוונת הישמח משה על איזה מדרש אחר בלשון זה, שהיה קבלה בידו או נמצא באיזה ספר, וכמו שמביא בספרו כמה מדרשים שאינם מצויים.

KolSatmar.com

### קעא

ומפרש הישמח משה, על פי דברי הכלי יקר שכתב בענין מה שפרה אדומה מטהר טמאים ומטמא טהורים, דהוא משום דכל דבר נתפעל מהפיכו, ובאפר פרה יש בו מים ועפר, שהוא חסד ודין, ולכן הטמא מתפעל להטהר, והטהור מתפעל להטמא

גיט דאָרט צו פאַרשטיין דער **ישמח משה**, ווייל דער **כלי יקר** זאָגט דאָך[סז] דעם טַעַם [פאַרוואָס] **פָּרָה אֲדוּמָה** איז **מְטַמֵּא טְהוֹרִים** [וּמְטַהֵר טְמֵאִים], ווייל יעדע זאַך ווערט **נִתְפָּעֵל** פון **הָפְכִיּוּת** [שלו. ובאפר פרה נותנים מים ואפר] און **מַיִם** זענען די **חֲסָדִים** [ומורה על כח הטהרה], און **עָפָר** איז **דִינִים** [ומורה על כח הטומאה. און] **אַז ס'קומט** [אפר פרה המעורב במים] צום **טָמֵא**, ווערט נתעורר דער **כֹּחַ הַחֲסָדִים**, און [אז ס'קומט] צום **טָהוֹר** ווערט נתעורר דער **כֹּחַ הֶעָפָר**, איבערדעם איז עס [מטהר טמאים ומטמא טהורים].

אַזוי זאָגט דער **כלי יקר**.

### קעב

ובזה מפרש הישמח משה מה שאמרו דאין אדם עומד על דברי תורה אלא אם כן נכשל בה, דהוא ג"כ מפאת שנתפעל מן הפיכו, כי ע"י התקלה מתפעל לבוא אל האמת

זאָגט דער **ישמח משה**[סח], דאָס איז דער טַעַם וואָס די **גמרא** זאָגט (גיטין מג.) **אֵין אדם עומד על דברי תורה אלא אם כן נכשל בה**, שנאמר (ישעי' ג, ו) **וְהַמַּכְשֵׁלָה הַזֹּאת תַּחַת יָדֶךָ**. ווייל יעדע זאַך ווערט **נִתְפָּעֵל מִן הַהֶפְכִי**, [ולכן] **אַז ער איז נִכְשָׁל** געוואָרן,

---

[סז] **בכלי יקר** (בפרשתן יט, כא): **וּמַזֵּה מֵי הַנִּדָּה יְכַבֵּס בְּגָדָיו**. רוב המפרשים יצאו ללקט ולא מצאו טעם מספיק למה הפרה המטהרת הטמאים תטמא הטהורים. ועתה הט אזנך ושמע, כי מצינו שכל אוכל אינו מוכשר לטומאה עד שיפול עליו מַיִם, ואיך אפשר [כי] הַמַּיִם שמקורם טַהֲרָה יסבבו הטומאה. אלא ביאור הענין כך הוא, שכך הוא בטבעיות, **שכל דבר אינו מתפעל כי אם מהפכו, ולא ממה שהוא ממינו**, כדרך שהיצר הרע מתגרה יותר בישראל מבאומות, ובתלמידי חכמים יותר מכולם (סוכה נב.), לפי שכולם הפכיים לו, על כן הוא רוצה להתגבר עליהם. וזה טעם שסמוך לעליית השחר החושך מתגבר, **כי כל דבר מתפעל מהפכו** דווקא. לפיכך כל אוכל וזרע אינו מתפעל מן הטומאה לעשות בו רושם, עד שיבא עליו מַיִם שכולם טַהֲרָה, ואז הטומאה רצונה לנצח הטהרה ומתגבר עליה ועושה בה רושם. כך **מֵי נִדָּה, שיש בהם מַיִם שכולם טַהֲרָה, ויש שם אֵפֶר פָּרָה שכולו טומאה**, והם מעורבין יחד, לפיכך **אם מֵי נִדָּה זוֹרֵק על אדם טמא**, אז אין האדם מתפעל **מן האפר**, שהרי הוא ממינו, אבל הוא מתפעל מן המים שהם הפכיים לו, כי הוא טמא והמים טהורים, על כן המים פועלים בו ומנצחים הטומאה. **אבל אדם טהור הנושא מי הנדה**, אינו מתפעל מן המים, כי הם ממינו, ששניהם טהורים, אבל הוא מתפעל מן **האפר** שהם הפכיים לו, כי הוא טהור והאפר טמא, על כן האפר פועל בו ועושה בו רושם לטמאו.

ואם תשאל לומר אם כן האפר למה לי, יטהרו במים בלא אפר. תשובה לדבר שיש צורך בזריקת האפר עליו, כי לא יוכל להטהר עד שידע מקור הטומאה וישתדל להסיר הסבה, לומר הרי לך שטר ושוברו עמו, ובעירוב זה כח המים אתי לאשמועינן שהם מנצחים מקור הטומאה.

[סח] **בישמח משה** (שם ד"ה עוד) בתירוצו (השני) וז"ל: עוד ביאור על המדרש הנ"ל וכו', דקשה אי לא ידע, הוה ליה למימר "ולא ידע" וכו'. ונ"ל בהקדים לפרש הפסוק (איוב יד, ד) **מִי יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא לֹא אֶחָד** [ועיין בגמרא (נדה ט.) שדרשוהו על פרה אדומה]. פירוש א', על פי שביארתי בדרושים וכו'. ובאופן ב' נראה לי, על פי מה שכתב **בכלי יקר** הטעם על שמטמא טהורים ומטהר טמאים, **משום שכל דבר נפעל מהפכו**, עיין שם דבריו כי נעמו.

והנה על פי זה פירשתי (ביש"מ פר' ואתחנן) **בְּכָל לְבָבְךָ** בשני יצרך, ביצר טוב וביצר הרע (ברכות נד.), כי נפעל מהפכו. ועל פי זה יובן אמרם (שם לד:) במקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד. ועל פי זה יובן **וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ** (תצא כא, י), כי הוא מתגבר תמיד כשמרגיש הפכו, הכי נמי כשתרגיש בו, והבן. ועל פי זה מבואר הפסוק **מִי יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא לֹא אֶחָד**, רצ"ל מי שהוא אינו אחד עם אותו הדבר, נפעל מהפכו, ודו"ק.

והנה דרשו רז"ל (גיטין מג.) **וְהַמַּכְשֵׁלָה הַזֹּאת תַּחַת יָדֶךָ** (ישעי' ג, ו), **אין אדם עומד על דברי תורה אלא אם כן נכשל בהן**, ונראה שהיינו גם כן מטעם הנ"ל, דמהפכו שהיא המכשלה והטעות, נפעל מאד כשמרגיש בו, ומגביר **שִׂכְלוֹ** ובא לידי שלימות השגה, וזה פשוט וברור. וזה אמרם ז"ל בקש שלמה לידע טעמה של פרה אדומה מפני מה מטמא טהורים ומטהר טמאים, **אמר אָמַרְתִּי אֶחְכָּמָה וְהִיא רְחוֹקָה מִמֶּנִּי**, רצ"ל כשהיא "**רְחוֹקָה מִמֶּנִּי**" דהיינו כשבא למכשול, אז נתפעל מהפכו ובא לשלימות השגה, **וזה בעצמו הטעם של פרה אדומה**. והיא פירוש יקר בס"ד.

**באַקומט ער אַ גרויס הִתְגַּבְּרוּת** [השכל לעומת זה, און] **דעמאָלטס קומט ער אַרויס צום בֵּירוּר** [ההלכה ושלימות ההשגה].

[און] **דאָס איז דער טַעַם פון פָּרָה אֲדוּמָּה** [יען כי כל דבר מתפעל מהפכו, וכמבואר בכלי יקר].

**קעג**

ולכן לא אמרו במדרש דביקש שלמה לידע "ולא ידע", כי כוונת המדרש הוא אדרבה שביקש לידע ואכן ידע, והיינו שהשיג לידע טעם פרה דהוא משום שכל דבר מתפעל מהפיכו, ולזה אמר אָמַרְתִּי אֶחְכָּמָה, דלבא לידי חכמה הוא ע״י וְהִיא רְחוֹקָה מִמֶּנִּי

**קומט אויס, ביקש שלמה לידע טַעְמָהּ שֶׁל פָּרָה, אמר, האָט ער געזאָגט** [דער טַעַם דערפון איז] **אָמַרְתִּי "אֶחְכָּמָה", ווען קאָן איך עס נִתְחַכֵּם זיין, אַז ס׳איז וְהִיא "רְחוֹקָה" מִמֶּנִּי, אַז ס׳איז נִכְשַׁל בָּהּ, אַז ס׳איז ס׳איז וְהִיא רְחוֹקָה מִמֶּנִּי, ווערט ער נִתְפָּעֵל מִן הֶהָפְכִיּוּת, און ׳דאָס׳ איז טאַקע דער טַעַם פון פָּרָה אֲדוּמָּה, דער אָמַרְתִּי אֶחְכָּמָה וְהִיא רְחוֹקָה דאָס איז דער טַעַם פון פָּרָה אֲדוּמָּה.**

**אַזוי טייטשט ער אין ישמח משה.**

**קעד**

**ישוב קושיא יז (באופן שני)**

**איבערדעם קאָן זיין** [בכוונת המדרש מה ראה קרח, פרשת פרה אדומה ראה].

[דהנה] **איך האָב שוין פריער געזאָגט** (באות צח-קד) [כי משה רבינו וקרח] **זיי זענען מְחוּלָק געווען אין פְּשַׁט** [שבתיבת "לי", דקרח] **ער האָט נישט מְחוּלָק געווען אין דער עֶצֶם הַנְּבוּאָה וואָס משה רבינו האָט געהערט,** [נאָר] **דעם פְּשַׁט האָט מען דאָך איבערגעגעבן פאַר די חַכְמֵי הַדּוֹר** [להכריע זהו], **אַזוי ווי די גמרא זאָגט מ׳קען פרעגן רבה בר נחמני האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט, דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט מ׳זאָל פרעגן רבה בר נחמני.**

**קעה**

לפי המבואר בתיקוני זוהר שעל ידי הכאת הסלע במי מריבה נולדו הקושיות בהלכה, ונצרך היגיעה בתורה בכדי לברר הלכה. יש לומר דהביאור בזה הוא גם כן יען כי כל דבר נתפעל מהפיכו, ואין אדם עומד על דברי תורה אלא אם כן נכשל בה, ונמצא דהקושיות שבסוגיא מביאין אותו לידי בירור האמת שבתורה

**לאָמיר׳זשע זען** [ביאור המדרש].

[דהנה] **לויט ווי איך האָב פריער געזאָגט** [בשם הישמח משה בביאור הגמרא דאין אדם עומד על דברי תורה אא״כ נכשל בה, לפי דברי הכלי יקר דכל דבר נתפעל מהפיכו].

**און טאַקע** [לויט] **דעם תיקונים**[סט] [שע״י הכאת הסלע במי מריבה נולדו הקושיות בהלכה, וצורך היגיעה בהקושיות הוא בכדי] **אַז מ׳זאָל צוברעכן די קליפות, און דאָס** [שצריכין ללמוד תורה ע״י יגיעה], **און דורכדעם** [קומט מען צום בירור ההלכה].

[ועתה לפי דברי הישמח משה יש לומר, אז] **דאָס איז פְּשַׁט קען זיין** [בדברי התיקונים, מה שבירור ההלכה הוא דוקא באופן זה ע״י יגיעה וקושיות], **ווייל ס׳ווערט נִתְפָּעֵל מִן הַהֶפְכִּי, טאַקע דורך ווייל ס׳איז דאָ הַפָּכִיּוּת** [וקושיות], **און דאָס איז דאָך קְלִפּוֹת** [שהקושיות באים מפאת התגברות הקליפות, וכשמתייגעין לבא על התירוץ, דורכדעם] **צוברעכט מען זיי, און מ׳איז**

---

[סט] המובא לעיל (באות מו ואות קל) בחלק א׳ של דרוש זה, בביאור ענין המי מריבה.

זיך מִתְגַבֵּר [עליהם שהם ההפכו, וממילא] קומט מען גיכער צום **אֱמֶת**, [ווייל אַז] ס'ווערט **נִתְפָּעֵל** [דער שֵׂכֶל האדם] **פון הַהֶפְכִּי** קומט מען גיכער צי **צום אֱמֶת**.

**קעו**

ועל דרך זה חשב קרח, כי משה רבינו גדול כל כך שאין לו שום קושיות ויגיעות, משא"כ קרח שעדיין היה לו קושיות ויגיעות, ולכן חשב כי אדרבה עי"ז יכול הוא לעמוד יותר על בירור ההלכה לברר הפשט בכוונת תיבת "לי", דאין הכוונה "לעולם" אלא "לשמי"

[ולפי זה] **האָט קרח גערעכנט, טאַקע ווייל משה רבינו איז אַזוי גרויס, ער האָט נישט געהאַט קיין מִכְשׁוֹלוֹת**[ע] מיט קיין **קַשְׁיוֹת**, ער האָט געהאַט פריי [די הבנת כל התורה, ווייל] **פאַר אים האָבן מורא געהאַט די קְלִפּוֹת** [מלהביא עליו קושיות], **ממילא האָט ער נישט געהאַט דעס גרויסע "הִתְפַּעֲלוּת"** [מן ההפכי].

[ועל כן חשב קרח, הגם כי אֱמֶת הדבר דהלשון] **וואָס ער האָט געהערט פון הקדוש ברוך הוא, האָט ער געהערט**, [ונבואתו הוא אֱמֶת]. **אָבער אַז מ'דאַרף שוין זאָגן פְּשַׁט** [בלשון הנבואה], **קומט מען גיכער** [על הפשט הנכון] **דער וואָס ער האָט זיך באַגעגנט מיט מִכְשׁוֹלוֹת און מיט קַשְׁיוֹת און** [ער] **דאַרף דאָס פאַרענטפערן, קומט מען 'גיכער' צי צום פְּשַׁט.**

**קעז**

וראיה לזה מצא בפרשת פרה, דמשם נלמד ענין כל דבר מתפעל מהפיכו, כמ"ש הכלי יקר

[און] **אַ ראיה** [דערצו, פון] **די פָּרָה אֲדוּמָה איז אויך** [אַזוי, דאָרט] **זעה איך אויך אַז** ס'ווערט [כל דבר] **נִתְפָּעֵל מִן הֶהָפְכִיּוֹת.**

**איבערדעם האָט 'ער'** [געקלערט] **קאָן ער גיכער צוקומען פון משה רבינו'ן.**

**קעח**

**וזהו שאמרו במדרש: מה קרח לחלוק על משה, פרשת פרה אדומה ראה**

**איבערדעם מה ראה קרח לחלוק על משה,** [דלכאורה] **וואו קומסטו צו קריגן אויף משה'ן, דו ווייסט דאָך ווי גרויס ער איז, זאָגט ער פרשת פָּרָה אֲדוּמָה ראה,** [וואָס פון דאָרט] **האָט ער געזען פונקט פאַרקערט, אַז דאָרט וואו ס'איז דאָ הֲפָכִיּוֹת קריכט מען גיכער אַרויס פונעם טָעוּת, איבערדעם האָט ער** [קרח] **גערעכנט** [אַז] **ער** [משה רבינו] **האָט נישט קיין שום הֲפָכִיּוֹת, איז אים שווערער געווען** [לבא על פְּשַׁט הנכון], **איבערדעם האָט ער גערעכנט אַז 'ער' קומט** [גיכער, דמסתמא] **איז ער גיכער געקומען אויפן פְּשַׁט** [שבלשון הנבואה].

**קעט**

**ישוב קושיא יח-יט**

אבל באמת משה רבינו היה גדול כל כך עד שלא נצרך לו התקלות והקושיות בכדי לבא על האמת, כי השיג התורה מעין בחינה דלעתיד, שאז לא יצטרכו הקושיות להשגת התורה, ואדרבה עוד ישיגו אז יותר ויכוונו אל אֱמֶת

[אמנם על זה אמרו בפסיקתא והוא לא ידע שפרה אדומה כפרה גדולה על ישראל], **ער האָט אָבער נישט געוואוסט,** [אַז] **משה רבינו האָט נישט געברויכט די אַלע זאַכן** [היגיעות בתורה שמתוך הקושיות, ורק] **דאָס דור האָט דאָס געברויכט.** [והראיה שהרי] **לעתיד וועט מען דאָס נישט ברויכן** [גם כל הדור, דכשהם בשלימות אין צריכין לזה], **און משה רבינו איז 'שוין' געווען אַזוי** [בשלימות, כהבחינה דלעתיד].

---

[ע] כלשון הגמרא אין אדם עומד על ד"ת אלא אם כן 'נכשל' בה.

KolSatmar.com

### קפ

וכמו כן בפרה אדומה, לפי מה שהשיג משה טעם פרה עוד במרה, אין זה כלל מחמת הענין דכל דבר מתפעל מהפיכו, אלא מפאת טעמים עליונים ונשגבים

**און** [כמו כן] **די פָּרָה אֲדוּמָה באַשטייט נישט פון דעם בלויז**[עא] [מטעם] **הָפְכִּיוֹת,** [והראיה] **משה רבינו האָט געהאַט אַן אַנדערן טַעַם אויף פָּרָה אֲדוּמָה, און דאָס איז אַ כַּפָּרָה אויף יעדע תְּנוּעָה און אויף יעדן דִּבּוּר,** [ולא על חטא העגל דוקא].

**ס'איז אַ העכערע זאַך נאָך, ס'איז נישט אין חטא העגל** [דוקא], **און נישט** [בלויז] **קיין הֲפָכִיוֹת,** [ווייל] **יעדער** [און] **אפילו די מלאכי השרת ברויכן אויך האָבן כַּפָּרָה, מ'איז** [קיינער] **נישט יוֹצֵא** [יד"ח העבודה] **אַקעגן הקדוש ברוך הוא**[עב].

**דאָס איז גאָר אַן אַנדער ענין, אַ העכער ענין, וואָס מ'וועט הערשט שפּעטער וויסן** [לעתיד לבא, כשדברים המכוסים מכם בעולם הזה יהיו צופים לעתיד לבא, ומשה רבינו כבר השיג זה בימיו, כמו שאמר לו הקב"ה לך אני מְגַלֶּה טעם פרה ולאחרים חקה. וממילא אצל משה רבינו] **ביי אים איז נישטאָ די אַלע טעמים** [שכתב הכלי יקר והישמח משה].

### קפא

ולזה אמרו בפסיקתא על קרח והוא לא ידע שפרה אדומה כפרה גדולה לישראל, אף מבלי שום ענין התפעלות מהפכיות. ועל דרך זה היתה פרה שעשה "משה" במדבר, שא"צ לבחינה זו של התפעלות מהפכיות, אלא לפי השגת משה רבינו עוד במרה

**זאָגט ער** [בפסיקתא], **ער האָט זיך אויפגעדרינגען פון פָּרָה אֲדוּמָה אַז ס'קען נישט זיין נאָר מיט הֲפָכִיוֹת, והוא לא ידע - זאָגט דער פסיקתא - שפרה אדומה איז כפרה גדולה על ישראל, ס'איז אַ כַּפָּרָה "גְּדוֹלָה", אפילו ווען זיי העטן גיוועזן** [לא חטאו בעגל ובמי מריבה], **אפילו ווען** [זיי העטן געווען] **אָן אַ שום הֲפָכִיוֹת** [שהיו לומדין התורה בלא קושיות ויגיעה], [אפילו אלמלי] **ס'איז נישט געווען און ס'וועט נישט זיין קיין הֲפָכִיוֹת.**

[און] **דאָס איז די בחינה פון משה רבינו'ן,** [וואָס] **מ'האָט געזאָגט** [בכל הפרות, שנקרא על שם] **פרה שעשה משה.**

### קפב

### ישוב קושיא י

ולכן פירש"י לעולם היא נקראת על שמך, פרשה עשה משה במדבר. שמתפללין ומצפין תמיד שיזכו לבחינת הגבוה של פרה אדומה שעשה "משה", וכמו שיהיה גם בפרה דלעתיד

**איבערדעם זאָגט מען פרה שעשה משה במדבר, איז מען אַלץ מִתְפַּלֵּל** [דערמיט] **ס'זאָל אַרויסקומען** [טעם הנסתר של פרה שהשיג משה רבינו], **ס'איז** [לעולם היא] **נקראת על שמך,** [כי הגם] **ס'איז טאַקע אויף דעם,** [לכפרה] **פאַרן חטא העגל, אָבער אָבער, אָבער ליגט נאָך אין דעם גָּבֹהַּ מֵעַל גָּבֹהַּ, אַזוינס וואָס קיינער איז נישט מַשִּׂיג נאָר משה רבינו אַליין,** [ועל זה אמר הכתוב] **וְיִקְחוּ "אֵלֶיךָ"** [וכמו שמפרש רש"י].

### קפג

### המשך ישוב קושיא יח-יט

**דאָס האָט ער** [קרח] **נישט געוואוסט אַז דאָס איז כפרה "גדולה" על ישראל, דאָס**

---

[עא] סגנון הלשון: ס'באַשטייט נישט 'בלויז פון דעם' [טעם פון] הפכיות.

[עב] וכדכתיב באיוב (ד, יח-יט): הֵן בַּעֲבָדָיו לֹא יַאֲמִין וּבְמַלְאָכָיו יָשִׂים תָּהֳלָה. אַף שֹׁכְנֵי בָתֵּי חֹמֶר אֲשֶׁר בֶּעָפָר יְסוֹדָם וגו'. (עיי"ש בפי' המלבי"ם, וכ"ה בפיוטי יוצרות לר"ה, ובסליחות לער"ה ד"ה אדון דין).
וכוונת רבינו בזה כאן, נראה דהוא לפרש בזה לשון הפסיקתא שפרה אדומה כפרה "גדולה".

איז געוועהן [ענין נשגב וגבוה], ממילא איז שוין נישט קיין הכרח [שגם צדיק גדול צריך להיות נתפעל מההפכי], און **משה רבינו ברויך דאָס נישט. דעס האָט ער שוין נישט געוואוסט.**

[און] **איבערדעם האָט ער זיך אויפגעדרינגען פון פָּרָה אֲדוּמָּה,** [ווייל] **ער האָט געמיינט** [אַז] **יעדער 'פאַלט אַרונטער' אונטער דעם** [שצריך להתפעל מהפכו].

**קפד**

**היוצא מזה לענין מצב דורינו:**

על דרך זה הם תכלית כל הנסיונות הקשות, כדי שיתפעל האדם מן ההפכי, ויתעלה עי"ז להתגבר בעבודת ה', ולא שיפול אחור ח"ו

**אָבער על כל פנים, פאַר'ן דוֹר איז עס** [טאַקע יא] **'די' בחינה, אַז מ'ברויך האָבן פון דעם** [להתפעל מן ההפכי, וללחום עם הקישויים והנסיונות]. **דאָס איז די גאַנצע** [תכלית העבודה], **דאָס גייט אַזוי** [געשטעלט] **דער גאַנצער עֲמִידַת הָעוֹלָם.**

**איבערדעם זענען די אַלע 'נִסְיוֹנוֹת' וואָס ס'איז דאָ אויף דער וועלט, אַז מ'דאַרף זיך מִתְגַּבֵּר זיין אויפן 'הֲפָכִיּוֹת', און דער בורא כל עולמים זאָל העלפן** [שנתגבר להתגבר על זה כראוי].

**קפה**

**בעוונותינו הרבים כָּשַׁל כֹּחֵינוּ,** [פון דעם] **זעט מען דאָך דער שִׁפְלוּת הַדּוֹר.**

**ביי יעדן נִסָּיוֹן, ביי יעדן שְׁטוּת, די קלענסטע קֻשְׁיָא וואָס ס'פאַלט אַראָפּ** [לנסיון], **איז מען זיך שוין שוועד גוֹבֵר, און פאַלט מען אַריין בעוונינו הרבים דער כלל ישראל, אַזוי ווי מ'זעט בעוונותינו הרבים**[עג].

**דאָס דאַרף מען נישט אַזויפיל איבער'חַזֶר'ן**[עד], **ווי מ'זעט ווי** [ווייט] **דער כח פון די סטרא אחרא, און דער כח פון אַלעמען, זעט מען נעבעך וויאַזוי דאָס גייט.**

[אבל באמת תכלית הנסיונות הם אדרבה כדי שנתפעל מן ההפכיות, ולהתגבר על ידם בעבודת ה' ותורתו].

**ר**

**ישוב קושיא ד (באופן ג)**

לכן נאמר זאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה", כי כאן נלמד ענין כל דבר נתפעל מהפיכו, שעל פי זה אמרו אין אדם עומד על דברי תורה אלא אם כן נכשל בה, ונמצא שרמוז כאן האיך לעמוד על דברי תורה

**יהיה איך שיהיה איז פאַרענטפערט** (באופן ג) **דער זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה".** [ווייל] **פון די פָּרָה אֲדוּמָּה איז דאָך געדרינגען** [אַז] **אֵין אדם עומד על "דברי תורה"** [אלא אם כן נכשל בה, נאָר] **אַז ס'איז דאָ הִתְגַּבְּרוּת** [לעומת זה]. **פון דעם זעט מען זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה",** [אַז] **דאָס איז דער דֶּרֶךְ** [כל התורה והעבודה], **אַז מ'דאַרף זיך מִתְגַּבֵּר זיין** [על ההפכי], **און צוברעכן די אַלע כח הקליפות מיט די אַלע קושיות, מיט די פירוקים** [אויף די קשיות], **און אדרבה** [כל זה הוא לטובה].

**רא**

**ולענין מצב דורינו:**

[נאָר] **בעוונינו הרבים וואָס קען מיר אונז** [טון], **פון דעם האָט מען געגוג,** [פון]

---

[עג] הדברים מוסבים על הבלבול הדעת ומצב הנסיונות ששרר אז באותה תקופה לאחר מלחמת ששת הימים, וכמו שהאריך רבינו בזה בד' שבועות שלפניו, בס"ג נשא בהעלותך שלח קרח תשכ"ז.

[עד] וכמו שכבר האריך רבינו בזה בד' שבתות שלפני זה.

KolSatmar.com

**מִכְשׁוֹלוֹת** [וקישויים של הפכיות, ובעוה"ר] **מ'איז אַריינגעפאַלן** [שאין מתגברים לעומתם כראוי].

**דעם כח** [האָב מיר געגוג], **דעם,** - [אי] **משום הא לא איריא, - דורך דער טענה** [פון] **אֵין אדם עומד על דברי תורה אלא אם כן 'נכשל' בה,** [כי] **בעוונינו הרבים זעמיר פיל מיט מכשולות, מִכַּף רֶגֶל וְעַד רֹאשׁ.**

**רב**

**דער בורא כל עולמים זאָל העלפן,** [אַז] **מ'זאָל זיך מִתְגַּבֵּר זיין,** [און דעמאָלטס] **קען מען זיין עומד על דברי תורה, וואָס ס'איז געדרינגען פון פָּרָה אֲדוּמָה.**

**רג**

**איבערדעם איז דאָס זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה",** [ווייל] **פון דאָרט איז געדרינגען דער 'אֶחְכָּמָה' וְהִיא 'רְחוֹקָה' מִמֶּנִּי** [דע"י ההרחקה בא לידי הַחָכְמָה], **אַזוי ווי דער ישמח משה טייטשט דאָרטן** (כדלעיל באות קעב).

**איז פאַרענטפערט מיט דעם** (קושיא ד), **דעם וואָס מ'פרעגט** [פאַרוואָס] **ס'שטייט נישט זֹאת חֻקַּת "הַפָּרָה".**

**רד**

**דער בורא כל עולמים זאָל העלפן** [שנזכה אדרבה להתגבר נגד ההפכי ולהתפעל ממנה].

**רה**

**ישוב קושיא ה**

"זאת" חֻקַּת הַתּוֹרָה, בא למעט כי רק פרה זו שעשה משה על בחינה הגבוה, בחינה זו ישאר לנצח ואף לעתיד לבא, משא"כ בחינת אחרות הנרמזים בהפרשה, שהם רק לפי המצב של עתה לאחר חטא העגל, אשר פרטים אלו לא יהיו נוהגים עוד לעתיד

**און טאַקע שפּעטער** [בפרות אחרות], **די פָּרָה אֲדוּמָה איז געבויעט** [על שיש גזירת מיתה, וכדכתיב] **זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל.**

[אָבער] **לעתיד וועט זיין בִּלַּע הַמָּוֶת לָנֶצַח** (ישעי' כה, ח), **און די פָּרָה אֲדוּמָה וועט בלייבן, דער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ וועט מאַכן אַ פָּרָה אֲדוּמָה שפּעטער, ווען ס'וועט גאָרנישט זיין** [מער] **דער אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל.**

**רו**

**איבערדעם איז דאָס שטייט אַמאָל** [דער] **זֹאת** [חֻקַּת "הַתּוֹרָה"], **"זֹאת" איז אַ מיעוט, זֹאת** [מכלל] **דאיכא אחרת** (מגילה יד:), [כי רק פרט זאת של טעם הנגלה רק למשה, זאת ישאר לנצח].

**ס'איז נישט** [ווי] **די אַנדערע פּרטים. די אַנדערע פּרטים פון אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל וואָס ס'איז געדרינגען פון פָּרָה אֲדוּמָה,** [וכן הטעם של פרה לכפר על העגל, ותועלת הפרה לטהר מטומאת מת], **דעס וועט בָּטֵל וּמְבוּטָל ווערן.**

**אָבער 'דאָס' וועט בלייבן, דער כֹּחַ "הַתּוֹרָה"** [הרמוז בפסוק זאת חקת "התורה"]. **און די מצוה** [וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה], **איז אַ נצחיות. די מצוה, דאָס פנימיות פון די פָּרָה אֲדוּמָה** [שהשיג רק משה] **וועט בלייבן.**

**דער כח** [הפנימי], **די מצוה וועט נישט בטל ווערן, די מצות זענען אַ נצחיות, אפילו ווען 'דאָס' וועט זיך אויפהערן, מ'וועט עס גאָרנישט ברויכן האָבן אויף קיין טַהֲרָה, אויף קיין טומאת מת, ס'וועט נישט זיין בעולם דאָס** [ענין המיתה], **פונדעסטוועגן אָבער 'דאָס' וועט זיין** [מצות פרה אדומה לפי טעם שהשיג משה. וכן] **די "תורה" הקדושה בלייבט אַ נצחיות.**

## רז

## סיום התורה- וברכת הקודש

**דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:**

[היצט] **טאַקע האַלט מיר** [ביי] **״וְיִקְחוּ״** [ויחזור ויקחו] (כדלעיל באות פז-פט)**, אונז האַלט מיר שוין ביי דער** [פָּרָה] **עֲשִׂירִית.**

## רח

[און] **דער אֱמֶת איז דאָך געבליבן אפר פרה פון איין מאָל צום אַנדערן**[עה] [וא״כ לעתיד יתגלה לנו גם האפר של פרה ראשונה שעשה משה במדבר].

**אַזוי ווי דער ר״ש** [משאַנץ] **ברענגט דאָך אויך דאָרטן אין די משנה אין פרק ג׳ אין מסכת פרה**[עו]**,** [שהיו צריכים לקדש ע״י אפר פרה שהיו מונח שם מכל פרה ופרה שהיו שורפים, און] **מ׳האָט נישט געקאָנט צוקומען דערצו** [בתחלת בית שני, ווייל] **ס׳איז געבליבן** [גנוז ומונח בהכתלים, והוצרכו לתחבולות האיך להוציאו משם, וכמבואר שם]**[עז].**

---

[עה] כדכתיב (יט, ט) וְאָסַף אִישׁ טָהוֹר אֵת אֵפֶר הַפָּרָה וְהִנִּיחַ מִחוּץ לַמַּחֲנֶה בְּמָקוֹם טָהוֹר, וְהָיְתָה לַעֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְמִשְׁמֶרֶת וגו׳. ופירש רש״י: לשלשה חלקים מתחלקת, אחד נתן בהר המשחה, ואחד מתחלק לכל המשמרות, ואחד נתן בחיל. זה של משמרות היה חוץ לעזרה, ליטול ממנו בני העיירות וכל הצריכין להטהר. וזה שבהר המשחה, **כהנים גדולים לפרות אחרות מקדשין הימנה.** וזה שבחיל נתון למשמרת, מגזירת הכתוב, שנאמר וְהָיְתָה לַעֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְמִשְׁמֶרֶת. - [וכן מבואר במשנה דפרה (ג, יא), ובמפרשי המשנה שם].

[עו] **במשנה פרה** (ג, ג): בָּאוּ לְהַר הַבַּיִת וכו׳, וּבְפֶתַח הָעֲזָרָה הָיָה מְתֻקָּן קָלָל [פירוש: כַּד] שֶׁל חַטָּאת, וּמְבִיאִין זָכָר שֶׁל רְחֵלִים וְקוֹשְׁרִים חֶבֶל בֵּין קַרְנָיו, וְקוֹשְׁרִים מַקֵּל וּמְסַבֵּךְ בְּרֹאשׁוֹ שֶׁל חֶבֶל, וְזוֹרְקוֹ לְתוֹךְ הַקָּלָל, וּמַכֶּה אֶת הַזָּכָר [פירוש: הָאַיִל] וְנִרְתָּע לַאֲחוֹרָיו, וְנוֹטֵל וּמְקַדֵּשׁ, כְּדֵי שֶׁיֵּרָאֶה עַל פְּנֵי הַמָּיִם וכו׳.

ומפרש שם **הר״ש** (בפי׳ ר״ש על המשנה הנדפס עם הגמרות), וז״ל: **בְּפֶתַח הָעֲזָרָה.** של עזרת נשים [הסמוכה לְחֵיל] כדמוכח בתוספתא: **הָיָה מְתֻקָּן קָלָל שֶׁל חַטָּאת.** כלי חרס שמניחין בו אפר חטאת וכו׳: **וְזוֹרְקוֹ לְתוֹךְ הַקָּלָל.** ומתוך כך כשהיה הזכר נרתע לאחוריו והיה המקל יוצא מן הקלל, קולט מן האפר עמו ונשפך על גבי השוורים, והתינוק נוטלו וכו׳. ותניא **בתוספתא** (פרה ג, ג), באו לשער היוצא מעזרת נשים לחיל, וקילולות של אבן היו קבועין בכותל מעלות של עזרת נשים, וכיסוייהן של אבן נראין בחיל, **ובתוכו אפר מכל פרה ופרה שהיו שורפים,** שנאמר וְהָיְתָה לַעֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְמִשְׁמֶרֶת, מכה את הזכר ונרתע לאחוריו ואפרו נשלך, נוטל ומקדש מזה שנשפך, **מעשים אלו עשו כשעלו מן הגולה,** דברי רבי יהודה. רבי שמעון אומר אפרה ירד עמהן [לבבל] ועלה, אמרו לו והלא נטמא בארץ העמים, אמר להן לא גזרו טומאה על ארץ העמים אלא לאחר שעלו מן הגולה [עכ״ל התוספתא. ומפרש הר״ש] פירוש, כשעלו מן הגולה ולא היה להם אפר להטהר, ומזה שנשאר לא היו יכולין ליקח, שהיו טמאין, הלכך לא אפשר בלאו הכי [אלא ליקח ע״י תחבולה הנזכרת ע״י זכר של רחלים]. וכשהחריב נבוכדנצר לא החריב אלא התקרה, אבל הכותלים הניח [כלומר ושם בכותלים היה האפר מונח וצבור בקילולים, כדלעיל בתוספתא. (תוספות יו״ט)].

[עז] וז״ל רבינו בס״ג **פרה תשי״ג** (לשו״ק צז, אות לו): **לעולם שטייט אין די משנה, שטייט אין מסכת פרה פרק ג׳, זאָגט דאָרטן די משנה וויאַזוי מ׳האָט געטון** [בהתחלת בית שני, כי] **מ׳האָט געמוזט נעמען מיט אַן אַיִל בקרניו, מיט ׳קונצן׳, כדי מ׳זאָל צוקומען מ׳זאָל אַרויסברענגען אַביסל אפר פרה** [של משה ממקום גניזתו, כדי ליתנו למי חטאת של פרה השניה, ויהיה זה באופן שלא יגעו הכהנים בהאפר פרה].

זאָגט ער דאָרט דער **תוספתא,** זאָגט ער פשט, דאָס האָט מען געטון דעמאָלטס ווען מ׳איז צוריקגעקומען [מבבל] ביים [התחלת] בית שני. זיי זענען דאָך געווען אַלע טמאים, וויאַזוי האָבן זיי געקענט זיי זאָלן אַהערשטעלן נאָכאַמאָל [לעשות] אפר פרה, האָט מען געמוזט מאַכן מיט ׳קונצן׳, מיט אַן אַיִל, [להוציא אפר פרה מן] דעם וואָס ס׳איז געבליבן דאָרטן באַהאַלטן [שלא יטמא האפר מהכהנים שהיו טמאי מת]. [ומפרש הר״ש] וואָרן ס׳איז נאָר חרוב געוואָרן, נבוכדנצר האָט נאָר חרוב געמאַכט דעם ׳דאַך׳, אָבער די ׳כותלים׳ זענען געבליבן, איז דאָרטן [בתוך הכותלים] געווען נגנז געווען אַביסל אפר פרה.

פרעגט נאָר דער **תוספות יום טוב, למאי נפקא מינה וכו׳.** [והלא] **מאי דהוה הוה,** ער דערציילט מיר [במשנה] וואָס מ׳האָט געטון [בעבר]. זאָגט ער, נפקא מינה **לעתיד,** ווען משיח וועט קומען, וואָס וועט מען דעמאָלטס טון? איז אויך ׳דער׳ חשבון, ס׳וועט אַפירקומען די אפר פרה [של משה], דעס וואָס ס׳איז נגנז געוואָרן ערגעץ אין די כותלים:

ועיין עוד **שם** (באות לו) וז״ל: **לעולם ווי ס׳זעט אויס אין די משנה און תוספתא** [דלעיל], **האָט מען זיך געפּלאָגט ביים בית שני וויאַזוי מ׳זאָל צוקומען** [להאפר פרה שנגנז בחיל, שיוכלו ליקח ממנו לצורך פרה החדשה באופן

### רט

ס׳שטייט דאָך גאָר, דער **ראָ״ש** אין **הלכות חלה**[עח] און דער **בית יוסף**[עט] ברענגען דאָך גאָר, אַז די **אמוראים** האָבן געהאַט **אֵפֶר פָּרָה** וואָס ס׳איז פאַרבליבן נאָך [מזמן הבית], וואָס זיי האָבן געהאַט נאָך פונעם **בית שני**.

און דער **חיד״א** ברענגט גאָר אין **מדבר קדמות**[פ], אַז דער **אר״י הקדוש** אַליין, האָט אויך געהאַט **אפר פרה**. **אליהו** האָט אים געברענגט דערפון אַביסל. נאָר די **תלמידים** האָבן שוין נישט געוואוסט דערפון נאָכדעם.

על כל פנים ס׳איז ׳געווען׳[פא] [אפר פרה. ואם כן גם מפרות הראשונות, יחזור ויקחו לעתיד].

### רי

דער אייבירשטער זאָל העלפן.

– ווען ס׳וועט זיין ביאת המשיח, וועט דאָך דאָס אַלעס זיין[פב]. –

---

שלא יהא נטמא על ידם], דער מאן דאמר וואָס ער לערנט אַז מ׳האָט נישט געהאַט קיין אפר פרה אין בבל, האָט מען זיך געפלאָגט וויאַזוי מ׳זאָל קענען מאַכן נאָכאַמאָל אַ פרה אדומה, האָט מען געמוזט נעמען דורך אַן אַיִל מיט ׳קונצן׳, מ׳זאָל נישט דאַרפן אָנרירן [בהאפר בידים] און ס׳זאָל זיך אַריינמישן אַ טראָפּעלע פונעם אפר פרה [הישנה, בשל החדשה], ס׳זאָל דאָרטן די כלי ׳רודערן דאָרטן׳ און אַליין פון זיך [ישפך קצת מן האפר]. פאַרוואָס, ווייל זיי זענען דאָך געווען טמאים געווען, די וואָס זענען עוֹלֶה געווען [מן הגולה], זיי האָבן נישט געהאַט קיין אפר פרה [בבבל ואם כן] איז מען דאָך געווען טמאי מתים, לויט דער שיטה אַז מ׳האָט נישט געהאַט קיין אפר פרה אין בבל ממילא איז מען דאָך געווען טמאי מתים ׳אַלע׳.

[עח] **ברא״ש הלכות חלה** (שבסוף מסכת מנחות, סוף סימן יד): **וחלה דידן שאנו מפרישין עכשיו** [בחו״ל] **יש לה עוד דין אחר**, דגרסי׳ בבכורות בפרק עד כמה (כז.) אמר רבינא הלכתא נדה קוצה לה חלה ואכיל לה כהן קטן, ואי ליכא כהן קטן שקלא ליה בריש מסא ושדיא לה בתנורא, והדר מפרשת חלה אחריתי, כי היכי דלא לישתכח תורת חלה, ואכיל לה אפילו כהן [שהוא] גדול וכו׳ [עיי״ש עוד באורך. ומסיים] ותמהתי על כי ראיתי ברוב מקומות באשכנז שאין מפרישין חלה שניה אף כששורפין הראשונה. ויש ליתן טעם לדבר, **משום דבימי אמוראים היו אוכלים תרומה טהורה בארץ ישראל, כי היה להם אפר פרה**, כדאמרינן (נדה ו:) **חבריא מדכו בגלילא**, ולכך הצריכו להפריש גם בחוץ לארץ חלת כהן, שלא תשתכח תורת חלה. אבל האידנא שבטל אפר פרה, ואין חלה נאכלת בארץ ישראל, אף בחוץ לארץ אין צריך להפריש חלת כהן, וכן כתב **בה״ג**. וחלה בא״י אין מפרישין אלא אחת ושורפין אותה, ומנהג טוב להפרישה, כי הסברא נוטה להיפך כיון דאין חלה נאכלת בשום מקום כל שכן שתשתכח תורת חלה, ולמחר יבנה בית המקדש וסבורים יהיו שאין דין שתאכל חלה.

[עט] **בבית יוסף הלכות חלה** (יו״ד סימן שכב), העתיק שם לשון הרא״ש הנזכר. והוסיף עליו וז״ל: מה שכתב בסוף דבריו לחלק בין זמן האמוראים לזמן הזה, כן כתב **סמ״ג** (עשין, מצוה קמ״א).

[פ] **במדבר קדמות** (מערכת א׳, אות כו): **אפר פרה היה לאמוראים**, כמו שכתבו **הראשונים** ממה שאמרו (נדה ו:) חבריא מדכן בגליל, והביא דבריהם הרב **משנה למלך** פרק ג׳ דאבל סוף דין א׳, עיין שם באורך.

ובזה יבא לכלל ישוב מה שאמרו **בירושלמי** דרַב אוכל חולין בטהרה בעשרת ימי תשובה. והוו בה רבנן בתראי טובא, ועי׳ מה שכתב הרב **פרי חדש** סוף סימן תר״ו. ובהכי ינוח לנו, דהאמוראים היו כל כך קדושים.

והן עתה בשגם המצא ימצא מי שרוצה להתקדש ולפרוש מדרכי העולם, אף שיטרח טורח גדול לא יעלה בידו, כי הטומאות חדשות גם ישנות אשר אנחנו ואבותינו בם, היו בעוכרנו, כי הטהרה מעכבת, ובכל טורח וקושי לא מסקי אלא כדמסיק תעלא. ואני בעניותי **פשיטא לי דרבינו האר״י זצ״ל היה נטהר באפר פרה על יד אליהו זכור לטוב, ואז נחה עליו רוח הקדש להפליא**, והגם כי לא ראיתי כתוב רמז מזה, ולא שמעתי, **לבי אומר לי שהרב ז״ל היה מעלים הדבר העלם נמרץ לרוב ענותנותו**. ועיין מה שכתב הרב החסיד בספר קהלת יעקב (אלגאזי) בחלק **לשון חכמים** דף קכ״ג ע״ג אות קי״א עיין שם.

[פא] ועיין עוד **בויואל משה** (ב, צח) וז״ל: ובגמרא בבא מציעא דף קי״ד ע״ב שאמר בארבעה לא מצינו בשיתא מצינא, ופירש״י ז״ל ש[סדר] זרעים אינו נוהג בחוץ לארץ, וכן [סדר] טהרות [עכ״ל]. ולא אמר שאינו נוהג טהרות אחר החורבן אלא בחוץ לארץ, לא בארץ ישראל, דבארץ ישראל היה בזמן התנאים והאמוראים גם אפר פרה, כמו שכתב האר״י ז״ל, ועיין **קרבן נתנאל** (על הרא״ש) סוף מסכת ראש השנה (סוף פ״ד אות ס) וסוף יומא (סימן כד, אות צ) שהביא שהיה להם אפר פרה [בזמן התנאים ואמוראים].

[פב] שיתגלה לנו אפר פרה של משה (כדלעיל אות רח), וגם יעשו מחדש פרה עשירית (כדלעיל אות פ). ויתגלה הבחינה של יתרון האור מתוך החשך להתפעל מן ההפכי לראות טובת הנסיונות שבזמן הגלות (כדלעיל אות קעב ועוד).

דער בורא כל עולמים זאָל אַרויסנעמען [מתוך החושך], ער זאָל **דערלייכטן אידישע אויגן**, מ'זאָל די זכיה האָבן מ'זאָל **זיך קאָנען מתגבר זיין** [נגד הנסיונות וההפכיות].

**ריא**

מ'זאָל זיך קאָנען מִתְגַּבֵּר זיין.

[כי בעוה"ר] אַזוי גייט דאָך עס היצטערט, אַז מ'פאַלט אַריין, און ס'זעט עפּעס אויס אַלדינגס [כאילו אי אפשר להתגבר נגד נסיונות הזמן].

[אבל הסיבה הוא כמו שנתבאר לעיל (אות קיד-קטז)[פג] כי] **ווער ס'דערווישט אַריין** [פון] **די כוחות** בעוונינו הרבים **פון די סטרא אחרא**, ווער ס'דערווישט אַריין [אי אפשר שלא יעשו בו רושם], ס'איז אים מְסַמֵּא עֵינַיִם [מלראות האמת].

מ'דאַרף האָבן דעם "נֵס" פונעם [מַטֵּה אַהֲרֹן, שלא הועבה כלום, ולא נכנס בו כלום מכח הטומאה כשבלע את מטות החרטומים, אלא אדרבה איבד ושרף את כוחות הטומאה (וכדלעיל אות קיב)], **מ'זאָל נישט האָבן "געשלינגען" פון זיי, לֹא מִינֵיהּ וְלֹא מִקְצָתוֹ.**

**ריב**

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:

מ'זאָל זוֹכֶה זיין [אַז] **מִסִטְרָא דִקְדוּשָׁה זאָל זיין אַ יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה במהרה.**

מ'זאָל זוֹכֶה זיין במהרה צו זען די אֱמֶת'דיגע ישועה בְּקֶרֶב [הימים].

הקדוש ברוך הוא זאָל מֵאִיר עֵינֵי יִשְׂרָאֵל זיין, אַז מ'זאָל דָבוּק זיין אין די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, בִּקְדוּשָׁה וְטַהֲרָה.

מ'זאָל די זכיה האָבן מְקַבֵּל זיין פְּנֵי מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ.

מ'זאָל מיר זוכה זיין צו זען במהרה הִתְרוֹמְמוּת קֶרֶן הַתּוֹרָה וְיִשְׂרָאֵל, און הִתְגַלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, במהרה בימינו אמן.

---

[פג] בחלק א' של דרוש זה, בביאור ענין המי מריבה.

KolSatmar.com